ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל שמיני

שער שלישי

# שיחות

כבוד קדושת
## אדמו״ר יוסף יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**ש נ י א ו ר ס א ה ן**
מליובאַוויטש

ימים הראשונים של חג הסוכות
— ה׳תש״ו —

יוצא לאור בפעם הראשונה מגוף כתי״ק

על ידי מערכת
„אוצר החסידים"
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

**Sichas Sukkos 5706**
Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

Order Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch®.

---

נסדר בדפוס „עזרא"

ע"י ירמי' הכהן בן לאה מיטא שי'

ב"ה

# פתח דבר

לקראת ימים הראשונים של חג הסוכות הבעל"ט, הננו מוציאים לאור — בפעם הראשונה מגוף כתי"ק — את שיחות כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע מהימים הראשונים של חג הסוכות — תש"ו.

השיחות הגיעו לידינו בכת"י ה„מניח", הרה"ח ר' שמואל זַאלמאַנאָוו, עם הגהות מכ"ק אדמו"ר מהוריי"צ וכ"ק חתנו אדמו"ר, ואח"כ נכתבו ע"י כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע, ונעתקו ע"י המזכירות, ואח"כ הוסיף כו"כ ענינים בכתי"ק על העתקת המזכירות.

חלק משיחות אלו נדפס בספר השיחות תש"ו־ה'שי"ת — חלק קטן מכתי"ק והשאר מהנחה בלתי מוגה[1].

*

לתועלת הלומדים והמעיינים באו בשולי הגליון מראה מקומות וציונים — נערכו ע"י הרה"ת ר' אהרן לייב שי' (בהרש"ב) ראַסקין[2].

## מערכת „אוצר החסידים"

יג תשרי, ה'תשפ"ה
ברוקלין, נ.י.

1) בהוצאה זו הוספנו בהערות כמה פרטים מהנחה בלתי מוגה.
2) הגהת הגליונות נעשתה ע"י הרה"ת ר' יהושע העשל שי' הכהן יאַרמוש.

# בסעודת יו״ט, לילה ראשונה דחה״ס

א. מנהגי ליובאַוויטש[1] האָבן אַ יסוד מוסד אין די הנהגות קדש פון הוד כ״ק אדמו״ר הזקן וועלכער האָט געטאָן אַ מסירות נפש'דיקע[2] עבודה אויף לחנך את החסידים בדרכי החסידות.

עס איז ידוע באַ חסידים, אַז דער אַלטער רבי האָט געהאַט מסירות נפש בפועל אויף מנהגי קדש הקדשים מורנו הבעש״ט נ״ע[3].

איינער פון די מנהגי קדש של מורנו הבעש״ט נ״ע איז געווען די עבודה בשמחה בחג הסוכות מיט גאָר פשוטע אידן. עס איז ידוע דער מאמר קדש וואָס דער רבי האָט געזאָגט בשם הבעש״ט, אַז דעם פשוט'ן אידנס קיום המצות מצד אמונה אין עצמות, איז אַ כלי צו עצמות, און איז גורם אַ נחת רוח אין עצמות. די פשיטות העצמות איז שורה אין דער כלי פון קיום המצות בפשיטות[4].

מורנו הבעש״ט האָט געהאַט אַ געבוי־טע וואַרעמע סוכה[5], דער בעש״ט האָט געזאָגט אַז זיין נוי סוכה[6] זיינען די פשוטע קבלת עול אידן, וואָס זיינען גורם אַ שמחה למעלה מיט זייער שמחה של מצוה מצד אמונה פשוטה.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גיזאָגט אַז דער אַלטער רבי האָט בעניית דעם דרך הבעש״ט אַריינטראָגען דעם סכך הסוכה, וואָס בשרשם זיינען זיי מקיפים עצמיים[7], ממשיך זיין אין כלים פנימים פון דעת[8], אַז עס זאָהל זיין אדם יודע שהוא דר בצל סכך סוכה[9].

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט געזאָגט ליל א׳ דסוכות תרנ״ח, אַז הוד כ״ק אביו אאזמו״ר הרה״ק האָט געזאָגט ליל א׳ דסוכות תרל״ו, אַז דער אַלטער רבי האָט בונה געווען דעם בנין החסידות והחסי־דים בדוגמא שלמעלה[10] אין בנין הכלים דספירות העליונות אַז זיי זאָלן ממשיך זיין דעם אור עצמי דספירות העליונות. דער רבי האָט מתקן געווען דעם הכשרת תקון החומר דורך וואַרעמע מקואות[11],

1) ראה ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 48 ואילך. תרצ״ט ע׳ 324.

2) ראה גם ספר השיחות תרצ״א ע׳ 176. תרצ״ד ס״ע 377. תרצ״ז ע׳ 223 ואילך. אגרות־קודש ח״ח ע׳ תקג.

3) ראה גם ספר השיחות תש״ח ע׳ 231.

4) ראה גם סה״מ תרצ״ו ע׳ 13. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 90 ואילך. ס״ע 161. תרצ״ז ס״ע 211. ע׳ 217. ע׳ 244. תש״ז ע׳ 64. ע׳ 69. ע׳ 119. ע׳ 136. ע׳ 150. תש״ח ע׳ 161. ס״ע 203. ע׳ 248. ה׳שי״ת ע׳ 383.

5) ע״ד סוכתו של הבעש״ט — ראה גם שיחת יום ב׳ דחג הסוכות תשכ״ה (תו״מ ח״א ע׳ 86 ואילך), תשכ״ז (תו״מ ח״א ס״ע 94 ואילך).

6) ע״ד נוי סוכה — ראה גם ספר השיחות תש״ד ע׳ 12. שיחת יום שמח״ת תש״ל (תו״מ ח״א ע׳ 186 ואילך).

7) ראה פרי עץ חיים שער הסוכות פ״ג. פ״ד. מקומות שצויינו בהערה הבאה.

8) ראה מאמרי אדמו״ר הזקן תקס״ח ח״א ע׳ תמב ואילך. סידור עם דא״ח שפה, ב ואילך.

9) ראה סוכה ב, א. וראה סה״מ תרפ״ב ע׳ מט. ע׳ עו. ע׳ עח.

10) ראה ספר השיחות תש״ח ע׳ 201.

11) ראה „הלכות תקוני המקוה ועשייתה" — נדפסו בשו״ע אדה״ז חיו״ד. בשו״ת צ״צ יו״ד סקע״ו ח״ג ס״ב: „וכן נשמע ממנו [אדמו״ר הזקן] ז״ל, שהתפאר מאד במה שתיקן מקואות שיהיו יכולים לחממן (וכמדומה לי ששמעתי מאיש נאמן ששמע ממנו בנסיעתו בדרך לפני הסתלקותו, שזה א׳ מן ג׳ דברים שהתקין הוא ז״ל בחייו. זי״ע)". וראה גם רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד, דור ראשון, דור שני" (קה״ת, תשס״ט) ע׳ ט.

אַז זיי זאָלן זיין אַ כלי צום המשכת הצורה אין געבויטע וואַרעמע סוכות[12].

ב. אין אייניגע געגענדן אין מאָהליַ־ווער און וויטעבסקער גובערניעס, איז חדש אלול שוין שלהי דקייטא, סוף אלול איז שוין רעגענדיק און קאַלט, און אַז סוכות זאָל זיין אַ טרוקענער גוטער וועטער איז אַ זעלטענהייט. ערב סוכות תרנ״ח איז אויסגעפאַלן אין יום א׳ בשבוע.

דער סדר קבוע פון עבודת ערב סוכות איז געווען אַז מען איז אויפגעשטאַנען אַזייגער דריי פאַרטאָג, געגאַנגען אין מקוה. אַ זייגער זעקס האָט כ״ק אאמו״ר הרה״ק געהאַט אַ קביעות צו לערנען מיט מיר. דאַן האָט מען געלערנט דעם ענין פון די ד׳ ימים שבין יוהכ״פ לסוכות אין פרי עץ חיים[13], נאָכדעם האָב איך געדאַ־ווענט בארוכה לפי ערך.

ערב סוכות אין דער פרי, אַ זייגער צען, פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק הייסן דעם משרת, ר׳ מענדיל קאַנטאָר[14], שטיין אין גאַס לעבן טויער, וואַרטן אויף ר׳ יעקב קאָפל זעליקסאָן[15], וועלכער פלעגט מיטברייינגען מיט זיך די אתרו־גים[16], און פלעגט די אתרוגים אַריינ־טראָגן לחדרו של הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט דאַן גיין אין מקוה, און קומענדיג פלעגט ער עפענען און גוט בודק זיין די אתרוגים בבדיקה עיונית, און נאָכדעם די לולבים און הדסים, וואָס האָט גענומען אַ שיינע פאָר שעה, און אַז די ד׳ מינים זיינען אַלע געווען כרצון הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, האָט פני הוד קדשו געלויכטן מיט אַ פנים מאירות שטימונג, און פלעגט אַ היבשע צייט אומגיין באַ זיך אין צימער שטאַרק פאַרטראַכט צוזינגענדיג דערביי אַ ערנסטן חב״ד ניגון.

די סעודת ערב סוכות איז געווען מיט אַ יום טוב'דיקער שטימונג, אָבער במהירות, לערך שעה. נאָכדעם פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק דאַוונען מנחה, און האָט זיך גענומען פאַר דעם איגוד הלולב[17], יעדער הדס ריטל האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק בעזונדער בודק געווען, און ווען ער האָט שוין בוחר געווען די הדסים האָט ער בודק געווען דעם לולב, און דאַן ערשט האָט זיך הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק גענומען פאַר דער עבודה פון איגוד הלולב ומיניו.

ווען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט

12) שייכות מקוה וסוכה – ראה ספר השיחות תש״ט ע׳ 296. וש״נ.

13) ראה פרי עץ חיים שער הסוכות פ״א. פ״ג.

14) ר׳ מנחם מענדל קאַנטאָר. ראה רשימת היומן של רבינו מיום כ׳ אייר תרנ״ו (הוספות לספר השיחות תש״ו־ה׳שי״ת ע׳ 424). יום א׳, י״ט מ״ח תרנ״ד (קובץ „התמים״ חוברת ג ע׳ כז (קל, א)). יום ה׳, כ״ה תשרי תרנ״ח (שם חוברת ה ע׳ לז (רלא א)). יום ג׳, כ״ח סיון תרס״ג („מבוא״ לקונטרס ומעין ע׳ 54). רשימת הבר מצוה של רבינו (קונטרס בר מצוה תרנ״ג ע׳ יח (קה״ת, תש״ס). הוספות לספר השיחות תרפ״ח־תרצ״א ע׳ 277). אגרות־קודש ח״ג ע׳ צט. ספר השיחות תש״ב ע׳ 91. תש״ד ע׳ 142. תש״ז ע׳ 142. תש״ח ע׳ 235. ה׳שי״ת ע׳ 398.

15) ר׳ יעקב קאָפּיל זעליקסאָן, בן הרב ר׳ אברהם – הנקרא דער מ״ץ – שהי׳ רב בליובאַוויטש בימי הצ״צ. החוזר בשנת תרנ״ב־תרנ״ג (ספר השיחות תרפ״א ע׳ 17). ראה אודותיו – קונטרס עץ החיים פכ״ה (ע׳ 52). ספר השיחות תרצ״א ע׳ 230. תש״ז ע׳ 101. ה׳שי״ת ע׳ 399. הוספות לספר השיחות תש״ו־ה׳שי״ת ע׳ 420.

16) הרי״ק זעליקסאָן הי׳ מתעסק במסחר האתרוגים – ראה קונטרס עץ החיים שם. אגרות־קודש אדמו״ר מהורש״ב ח״ו ע׳ יח. וש״נ. אגרות־קודש ח״א ע׳ תכה. חט״ז ס״ע רלט ואילך.

17) ע״ד איגוד הלולב ע״י אדמו״ר מהורש״ב – ראה גם ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 294. ע׳ 329. תש״ד ע׳ 13 ואילך. תש״ח ע׳ 193.

מסיים זיין דעם איגוד הלולב ומיניו, פלעגט ער שטאַרק בודק זיין די אַלע פינף קשרים — די צוויי קשרים אויף דעם לולב, און די דריי קשרים וואָס זיינען מאגד דעם לולב מיט די הדסים וערבות[18], דאַן פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק זאָגן: געלויבט השי״ת מתקן געווען דעם איגוד הלולב ומיניו, געמאַכט די כלי מוכשרה ע״פ רצון העליון צו די גילוים פון בעל הרצון ית׳ ויתעלה אין מצות לולב ומיניו, און מיט אַ פריילעכען חב״ד ניגון פלעגט ער טראָגן דעם לולב ומיניו פון סוכה[19] לחדרו, און פני קדשו היו מאירים פון תענוג אלקי אין הכנת המצוה.

ג. די חילוקי ההנהגה שלמעלה אין זמני השנה זיינען באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק ניכר געווען ניט נאָר אין די הנהגות קדשו, נאָר אויך אין דעם מעמד ומצב נפשו הקדושה באופן עבודתו, צי אין אַ פאַרביטערקייט פון מרירות, צי אין אַ עבודה פון אויפגעלייגטקייט אין אַ עבודה בשמחה.

דעם שמחת ה׳ היא מעוזו[20] האָט מען געזעהען באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק ערב חג הסוכות גייענדיק אין בית הכנסת, אין תפלת ערבית און ביחוד אַריינגייענדיק אין סוכה צו סעודת יום טוב.

נאָך דער ח״י שעה׳דיקער עבודה פנימית ועצמית פון שמחה של מצוה באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק ערב סוכות, פון פיר פאַרטאָג[21] ביז נייען אין אָוונט, ווען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט אַריין גיין אין סוכה, האָט אַלעמען בעגייסטערט.

אַ בעזונדער חדות ה׳ היא מעוזו[20] האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אַריינגעבראַכט אַריינגייענדיק אין סוכה לילה הראשון פון חג הסוכות, און בעזונדער האָט זיך געפיהלט דער שמחת החג אין יאָר תרנ״ח, ווען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט צום ערשטען מאָל בענייט די סוכה אין דער אייגענער דירה.

אין אַ גאָר געהויבענער יום טוב שטימונג האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פאַרבראַכט די סעודת יום טוב, וואָס דאָס אַלץ איז באַ אונז געווען אַ הדרכה און אַ הוראה אין דרכי עבודה בדרך החסידות.

ד. באַ מיר איצטער, נאָכדעם ווי עס איז שוין דורך פון דאַן אַכט און פערציק יאָר, איז דער טראַכטן און ריידן וועגן די זכרונות פון יעמאָלט, לבד זאת וואָס עס איז דער קדשי קדשים פון מיינע ימי הילדות הבחרות והאברכות, איז דאָס אויך אַ ענין פון ונשלמה פרים שפתנו[22], מיט דער פנימית׳דיקער אמונה האָפנונג אַז די זכרונות הקדש זיינען מעורר זכות אבות קדושים, אַז מען זאָל זוכה זיין[23] אַ עובד ה׳ בתורה תפלה ומעשים טובים ווי רצונו הק׳ איז געווען, זי״ע.

ה. מנהגי ישראל, אפילו באַ די פראָסטע אידן, אין דער אַלטער היים אין רוסלאַנד האָבן אַוועקגעשטעלט דעם כלל ישראל אויף דעם ריכטיקן מעמד

18) ראה גם ספר השיחות תרצ״א ע׳ 142. תרצ״ט ע׳ 298.

19) מנהגינו לאגוד הלולב בסוכה — ראה ספר השיחות תרצ״א שם. תרצ״ט ע׳ 329. תש״ח שם.

20) ע״פ נחמי׳ ח, י.

21) פיר פאַרטאָג: ראה לעיל ע׳ 2: מען איז אויפגעשטאַנען אַזייגער דריי פאַרטאָג.

22) הושע יד, ג. וראה שו״ע אדה״ז או״ח מהדו״ת ס״א ס״ט.

23) זוכה זיין: אוצ״ל: זוכה זיין, זיין.

און מצב פון יראת שמים. אָפּגערעט פון די לומדי תורה אידן, נאָר אפילו די גאָר פּשוטע מאַרק זיצער אָדער דאָרף הענד־לער, האָבן אָפּגעהיט תפלה בציבור, האָבן געהאַט מסירת נפש צו האַלטן זייערע קינדער באַ גוטע מלמדים, האָבן געטאָן שידוכים פאַר זייערע טעכטער מיט תלמידי הישיבות, און מחזיק זיי געווען מיט פרנסה בהרחבה, וואָס מיט אַזעלכע מסירת נפש הנהגות האָבן זיי מעמיד געווען לומדים מופלגים און עוסקים בעבודת ה׳ אין מחנה ישראל.

די שבת׳דיקע קביעות עתים לתורה פון די בעלי עסקים, הן דער וואָס האָט אַליין געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא, שלחן ערוך, עין יעקב אָדער ספרי מוסר, און הן די וואָס האָבן אַליין ניט געקענט לערנען און האָבן געהערט די שיעורי לימוד פון די וואָס האָבן פאַר זיי פאָרגעלערנט, און הן די גאָר פּראָסטע אידן וואָס האָבן געזאָגט מזמורי תהלים, האָט זיי אַלעמען ממש מחי׳ געווען.

די ימים טובים זיינען געווען דער אמת׳ער קבלת שכר, מיט דעם פאַרגעניגן וואָס יעדער בעל הבית דער בעל עסק האָט מקבל תענוג געווען פון זיין זון אָדער איידים דעם תלמיד חכם וועלכן ער האָט מחזיק געווען מיט זיינע בני בית בפרנסה בהרחבה.

די קליינע שטעטלעך אין רוסלאַנד זיינען אין די וואָכן טעג געווען מקומות תורה ועבודה, און אין די ימי מנוחה פון שבת און ימים טובים האָט די אמת׳ע מנוחה ושמחת הנפש אַרויסגעשיינט פון יעדער טאַטע און מאַמעס פנים, וואָס דאָס אַליין האָט געווירקט אויף די יונגע קינדער, אינגלעך און מיידלאַך, צו וועלן זיין אַ בן תורה און צו וועלן חתונה האָבן פאַר אַ בן תורה.

ו. די גרויסע שטאָט בכלל, און די רעש׳דיקע אַמעריקא מיט דעם געלט קאָך בפרט, ווירקט אויף אַלעמען, אויך אפילו אויף די בני תורה — געוויס זיינען דאָ אויסנאַמען — און אויף דער יוגנט בפרט, דעם הגברת החומר על הצורה[24], וואָס דאָס שאַפט, ליידער, אויך באַ אַ געוויסן טייל לומדי תורה, אפילו אין די פרומע ישיבות, די דיעה אַז מען בעדאַרף זיין אַ פאַרדינער, און זעלטן זעלטן גע־פינט מען צווישן די תלמידי הישיבות אַזאַ וואָס טוט אין תורה מצד תורה[25].

אין משך פון די פינף יאָר וואָס די ישיבה תומכי תמימים ליובאַוויטש גע־פינט זיך אין אַמעריקא[26], האָט זי ב״ה געווירקט אויף די תלמידי התמימים, אויך אין דעם זין אַז די תלמידי התמימים זיינען געקומען צו דער ריכטיגער הכרה פון הגברת[27] הצורה על החומר.

אמת אַז די זאַך וואָס מען טוט דורך עבודה איז פיעל איידעלער און שטאַר־קער ווי די זאַך וואָס איז אַ טבע שני מצד רגילות[28], אָבער אין דעם ענין איז אַ שאָד די צייט, און אויך וואָס מען גיט אַוועק די צייט און געזונט, איז לבד זאת וואָס באתר דליעול ירקא ליעול בשרא[29], איז חוץ דעם, איז די רגילות וועלכע מען

24) ראה גם ספר השיחות תש״א ע׳ 130. תש״ג ע׳ 7. תש״ז ע׳ 112.

25) ראה גם לקמן ע׳ 17. שיחת ליל שבת בראשית שנה זו ס״ד.

26) בט׳ אדר שני ה׳ש״ת, יום בוא רבינו לארה״ב, התקיימה אסיפת היסוד להתייסדות ישיבת תומכי־תמימים בארה״ב – ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 75 ואילך. וראה ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 5.

27) ראה ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 294 ואילך.

28) ראה שבילי אמונה נתיב ד׳ שביל ב׳ (וואַרשא, תרמ״ז מב, טור ב בסופו). תניא ספי״ד. פט״ו (כא, א). פמ״ד (סג, ב).

29) ראה שבת קמ, ב.

איז מקבל אין די שנות החינוך ווערט מושרש מיט אַ השרשה עצמית[30], און נוסף על כל זה והוא העיקר, דער חינוך הטוב איז דאָך אַ פועל יוצא פון דעם שטוביגען טאָג טעגליכן לעבן.

איך בין פול מיט האָפנונג להשי״ת, אַז ווען די תלמידי התמימים וועלן מיט גליק בויען הייזער בישראל, און וועלן זיין געבענטשט מיט אַ דור ישרים יבורך[31], וועלן זיי אי״ה מדריך זיין זייערע קינדער ברוחה של תומכי תמי־מים.

די תלמידי התמימים בעדאַרפן אויך אין זמנים ידועים אָפּגעבן זיך צו טאָן אין דער הדרכה פון קליינע קינדער, משריש זיין אין זיי בעזה״י דעם שמירת התורה וקיום המצות גייסט און דערפירן זיי צו די כשר׳ה תלמוד תורות און חדרי תורה.

ז. עס איז מיר זייער טייער די זכרונות פון מיינע קינדער יאָרן. דאָ וויל איך אַייך דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט שמחת בית השואבה שנת תרנ״א.

די קביעות יענעם יאָר איז געווען אַז ערב סוכות איז אויסגעפאַלן זונטאָג.

דעם צווייטן טאָג יום טוב נאָך הבדלה, באַ אמי זקנתי הרבנית מרת רבקה נ״ע[32], איז הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געבליבן זיצן אין סוכה, ר׳ חנוך הענדיל[33] און ר׳ אבא[34] ע״ה זיינען אַריין אין סוכה פאַרב־ריינגען, באַלד האָט זיך פאַרזאַמולט אַ גאַנצער עולם און מען האָט פריילעך פאַרבראַכט.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גערעט דברי התעוררות, און האָט פיעל גערעט וועגן די רביים, און אין די רייד האָט ער דערציילט אַז דער אַלטער רבי נאָך זייענדיק אַ קינד איז געווען אַ אויסער־געוועהנליכער שומר הזמן.

ווען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט ריידן וועגן די מעלות ומדריגות פון הוד כ״ק אבותינו רבותינו הק׳ נאָך ווען זיי זיינען געווען קינדער, פלעגט ער זיי לויבן במעלת שמירת הזמן, און ניט מיט דער אַלגעמיינער מעלה וואָס איז אָנגע־נומען באַ לומדי תורה — מתמידים.

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין אַז עס איז ניט גענוג צו האָרעווען און פאַרמאָגן אַ אזן שומעת[35], גוט אַיינ־צוהערן זיך צו דעם וואָס הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק רעט און דערציילט בכל עת בכלל און באַ אַ ברבים׳דיקן פאַרברייי־נגען בפרט, נאָר מען מוז אויך האָבן אַ אזן מילין תבחן[36].

30) עצמית: בכתי״ק: נצחית.

31) תהלים קיב, ב.

32) ראה אודותה — רשימת רבינו „דברי ימי הרבנית רבקה״ (קה״ת, תשע״ד).

33) המשפיע ר׳ חנוך הענדל קוגל. בא לליובאַוויטש ה׳ אלול תר״ג (אגרות־קודש ח״ג ע׳ תה), ונפטר שם ט׳ טבת תר״ס. ראה אודותיו — קובץ „התמים״ חוברת א ע׳ עט (מא, א) ואילך. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 17. וש״נ.

34) החסיד ר׳ אבא מצאַשניק. לפי רשימות רבינו בכ״מ יוצא שנולד לפני תקע״א והאריך ימים*. ראה אודותיו — רשימת רבינו „ויכוח הגדול במינסק״ (קה״ת, תשס״ט) ע׳ טו ואילך. רשימת המאסר (לקו״ד ח״ד ע׳ א׳שג. הוספות לספר השיחות תר״פ־תרפ״ז ע׳ 253). ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 228. תש״ז ע׳ 89. שיחת אחרון של פסח תש״ז ס״ג ואילך.

35) ע״פ משלי טו, לא.

36) ע״פ איוב יב, יא. לד, ג. וראה גם ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 182. תש״ח ע׳ 249.

*) „בהיותו נער בשנת תקע״ז־תקע״ט בערך״ (אגרות־קודש ח״ג ע׳ תג). „בחורף תרנ״ח סיפר . . את אשר שמע בבחרותו בשנת ת״ר או תר״ג״ (שם ח״ד ע׳ רעו). „[תרנ״א] הוא איש בן שמונים ודאי״ (רשימת המאסר שם). ברשימת „ויכוח הגדול במינסק״ שם מסופר שבהיותו בן י״ג הי׳ בפעם הראשונה אצל הר״א מסטראַשעלע [תקכ״ו־תקפ״ט], ושבשנת תרס״ד נתן לרבינו העתקה מדרוש של אדמו״ר הזקן.

אַ אזן שומעת איז דאָס וואָס מען הערט אָט דאָס וואָס מען דערציילט, אָבער אַ אזן מילין תבחן איז צו דערהערן ווי מען דערציילט[37]. דער חילוק פון הערן וואָס מען דערציילט און הערן ווי מען דערציילט איז, אַז אין הערן וואָס מען דערציילט הערט מען דעם גוף הסי־פור, און אין הערן ווי מען דערציילט הערט מען די נשמה פון דעם סיפור.

אויף צו האָבן אַ אזן שומעת בעדאַרף מען אויך האָבן אַ ריבוי יגיעה, און בפרט אויף צו האָבן אַ אזן מילין תבחן, בע־דאַרף מען אַ רצון פנימי און אַ עונג אין דער יגיעה אויף צו דערהערן אָט דאָס וואָס מען הערט.

ווען איך האָב געהערט דעם וואָרט וואָס הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גע־זאָגט וועגן דעם אַלטן רבי׳ן, אַז נאָך זייענדיג אין קינדער עלטער איז ער געווען אַ אויסערגעוועהנלעכער שומר הזמן, האָט מיר דער אויסשפּראַך שומר הזמן געקיצלט די אויערן. געוועהנליך זאָגט מען אויף דעם דעם אויסשפּראַך מתמיד.

ח. איך בין געווען זיכער אַז אין דעם אויסשפּראַך איז דאָ אַ כוונה, אָבער איך האָב ניט געקענט בעגרייפן וועלכע, וועגן פרעגן[38] באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק איז באַ מיר געווען דער הדרת הכבוד׳יקער דרך ארץ, אַז צו פרעגן עטוואָס באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, בעדאַרף מען זיין אַנדער[ש], און ווערט זיין.

דער ענין האָט מיך זעהר געאַרט, און הגם עטלעכע מאָל בשעת הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מיך פאַרהערט דעם חזרת משניות בעל פה[39], און איך האָב געפיהלט אַז ער איז צופרידן פון מיין ידיעה, און האָט מיר די צופרידנקייט אַרויסגעוויזן בגלוי, דאָך האָט דער הדרת הכבוד געפיהל אין מיר גובר גע־ווען און האָב ניט געפרעגט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך געמאַכט אַז איך בין געווען שטאַרק פאַרקילט, און בין געלעגן אין בעט. עס האָט מיך נאָך אַלץ געמוטשעט דער אויסשפּראַך שומר הזמן.

מיין מוטער[40] האָט געזעהען אַז איך בין פאַרטראַכט און אומעדיג, האָט זי גערעכנט אַז איך לייד מסתמא גרויסע שמערצן און זאָג ניט אויס. באַ מיר פלעגט טאַקע טרעפן אַז איך פלעג ליידן ל״ע שטאַרקע שמערצן ביז חלשות, און פלעג ניט אַ קרעכץ טאָן, האָט זי גע־רעכנט אַז דאָס מאָל האָב איך אויך שטאַרקע שמערצן.

איך האָב איר בערוהיגט און געזאָגט אַז איך לייד ניט קיין שמערצן, און אום צו מאַכן איר זיכער, האָב איך איר דער־ציילט די סיבה פון מיין אומעדיקייט, אַז מיט עטלעכע חדשים פריער האָב איך געהערט ווי דער טאַטע האָט גערעט ביים פאַרברייינגען, און האָב ניט פאַר־שטאַנען, און פרעגן באַ דעם טאַטען וויל איך ניט, ווייל עס איז ניט קיין דרך ארץ

37) ראה גם ספר השיחות תרצ״ז שם. תרצ״ט ס״ע 387 ואילך. וש״נ. תש״ח ע׳ 225.

38) ראה ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 12. תרצ״ז ע׳ 169.

39) ראה גם רשימת היומן של רבינו ה׳ תשרי תרנ״ב. רשימת המאסר (לקו״ד ח״ד ע׳ א׳רפא. ע׳ א׳רצה ואילך. הוספות לספר השיחות תר״פ־תרפ״ז ע׳ 239. ע׳ 248). ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 329. אגרות־קודש ח״ג ע׳ פב. ע׳ פד ואילך.

40) הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה. נולדה ט״ו טבת תר״כ. נסתלקה ביום הש״ק פ׳ בשלח, י״ג שבט תש״ב. רשימת רבינו אודותה — ספר השיחות תרפ״א ע׳ 13.

אַז אַ קלײנער אינגל זאָל פרעגן באַ אַ רבי׳ן. באַ אַ רבי׳ן מאָג און קען פרעגן אַ חסיד אויף יחידות, אָבער ניט אַזאַ אינגל ווי איך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די היץ באַ מיר אָפּגעפאַלן, אָבער דער דאָקטאָר האָט געהייסן זיין אין צימער. איך האָב געחזרט די גמרא פאַר זיך, ערשט דער טאַטע איז אַריין אין צימער, וויסנדיק אַז די טעמפּעראַטור באַ מיר איז שוין נאָרמאַל, האָט ער מיר געהייסן חזר׳ן פאַר אים סדר מועד, וואָס איך האָב געטאָן בשמחה גדולה.

ט. נאָך דעם חזרת משניות זאָגט מיר דער טאַטע אַז די מוטער האָט אים דערציילט אַז איך האָב עפּעס צו פרעגן נאָר איך שעם זיך, איז זאָל איך פרעגן.

איך האָב זיך אינערליך אַזוי פאַרשעמט אַז איך האָב זיך שטאַרק צו וויינט, און מיט האַרציקע טרערן האָב איך כליפּענדיק געזאָגט אַז איך האָב ניט גערעכנט אַז די מאַמע וועט דערציילן, איך ווייס זייער גוט אַז אַזאַ אינגל ווי איך איז ניט ווערט צו וויסן אַזעלכע זאַכן.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק איז אַלעמאָל געווען ערנסט שטרענג צו מיר, אויך דעם מאָל האָט ער באַפעלעריש שטרענג מיר געהייסן אויפהערן צו וויינען און קלאָר פרעגן וואָס איך האָב צו פרעגן.

איך האָב זיך באַלד בערוהיגט און האָב געזאָגט:

באַ דעם שמחת בית השואבה פאַרברײנגען[41] האָט ער דערציילט אַז דער אַלטער רבי איז נאָך אין די קינדער יאָרן געווען אַ אויסער געוועהנלעכער שומר הזמן, האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס איז דער יתרון המעלה פון שומר הזמן אויף מתמיד, אָבער איך האָב ניט געוואָלט פרעגן ווייל איך האָב גערעכנט אַז איך בין ניט ראוי דאָס צו פאַרשטיין.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מיך ערנסט אויסגעהערט, און געזאָגט:

יע, דו ביסט נאָך אַ אינגל, און עס איז שווער דיר אָפּצוגלויבן אַ ענין פּנימי. פאַרשטיין וועסטו יע, אָבער דו וועסט זיך ניט קענען אײנהאַלטען ניט צו דערציילן, אָבער ווייל דו האָסט אַ חסידישן אזן שומעת וועל איך דיר זאָגן, און גלויבן דיין צוזאָג אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן.

דער אַלטער רבי איז שוין געווען אַ גרויסער נאָך אין די קינדער יאָרן[42], און זייענדיג נאָך גאָר אַ קינד האָט ער געוואוסט די מעלה פון אַ נשמה דאצילות[43],

41) ראה ספר השיחות תש״ד ע׳ 12 ואילך: „אין יאָר תרנ״א האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אין סוכה זייער לאַנגביים טיש, און אויך נאָכ׳ן בענטשן איז מען געבליבן פאַרברענגען אַ לאַנגע צייט, און מ׳האָט גענומען אַ סך משקה. אַרויסגייענדיג פון סוכה, האָט די באָבע הרבנית רבקה נ״ע געפרעגט, וואָס איז די מער, פאַרוואָס איז מען געזעסן אַזוי שפּעט אין סוכה, האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געענטפערט: מאָרגען ביינאַכט איז דאָך שמחת בית השואבה . . דערפאַר האָט מען היינט פאַרבראַכט, צו מאַכען אַ הכנה אויף מאָרגען״.

ושם ע׳ 18: „פון יאָר תרנ״א ביז תרנ״ג איז געווען דער סדר צו פאַרברענגען שמחת בית השואבה די אַנדערע נאַכט [= בלילה השני של] סוכות״.

42) ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 131. רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד דור ראשון, דור שני״ (קה״ת, תשס״ט) ס״ע י ואילך. „דברי ימי חיי אדמו״ר הזקן״ (קה״ת, תשע״א) ע׳ יג הערה א. „היום יום״ ז׳ שבט. ועוד.

43) ראה תורת שלום – ספר השיחות ע׳ 166. מאמר אבות החסידות – קובץ „התמים״ חוברת ב ע׳ מג (סט, א). ספר השיחות תרצ״א ע׳ 176. תרצ״ג ס״ע 152 ואילך. תרצ״ו ע׳ 126. תש״ו ע׳ 22. תש״ז ע׳ 151. תש״ח ע׳

וואָס דער אופן העבודה פון אַ נשמה דאצילות איז אַז די עבודה אין לימוד התורה און קיום המצות איז מיט דעם ביטול פון חכמה דאצילות[44]. און דאָס איז דער חילוק צווישן דעם אַלטען רבי׳ן און אַנדערע גרויסע לומדים, זיי האָבן געהיט דעם זמן הלימוד, און דער רבי האָט געהיט דעם זמן פון גאַנצן מעת לעת[45], לויט ווי דער סדר הנהגה שלמעלה איז[46].

אָט דער ענטפער האָט באַ מיר גע־מאַכט אַ פּתיחה צו פאַרשטיין אַ פּני־מיות׳דיקן וואָרט, און פון ד[אַ]מאָלסט אָן האָב איך געהאַט דעם רשיון צו פרעגן, וואָס דאָס האָט מיך, געלויבט השי״ת, אַוועקגעשטעלט אין דעם חסידות חב״ד קרן אורה.

י. דער סדר הקבוע באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אין שמחת החגים איז געווען אַזוי, ערב סוכות פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק גוט בעטראַכטן די סוכה אויב אַלעס איז אין אָרדנונג, דאַן פלעגט ער זאָגן אַ כשר׳ה סוכה, אַ כלי מוכנה צו די המשכות וואָס זיינען קבוע ע״פ הרצון של מעלה אין סכך הסוכה, און דאַן פלעגט ער זיך נעמען פאַר דער עבודה פון איגוד הלולב ומיניו.

אַלע יאָרן וואָס איך געדענק איז כמעט געווען אין איין נוסח מיט קליינע שינוים. באַלד נאָך מעריב פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אַריינגייענדיק אין סוכה נאָכן ברכת גוט יום טוב, זאָגן:

**אין מצות סוכה איז דער עיקר די שמחה, די שמחה פון חג הסוכות איז די שמחה פון אמונה פשוטה פון דער עבודה וואָס בני ישראל זיינען איבערגעגעבן אין דער עבודה פון ר״ה ויום כפור, וואָס דער גילוי פון די עבודות איז זיך מתגלה אין סכך הסוכה[47], און אידן מיט זייער מסירת נפש מקיים צו זיין די מצות סוכה מיט קבלת עול, ניט רעכענענדיק זיך מיט די גופניות׳דיקע שווריקייטן פון די שינויי אויר, זיינען ממשיך דעם מלמעלה מהשתלשלות אין סדר זמנים פון השתלשלות.**

**דער אַלטער רבי איז נאָך אין זאַיינע קינדער יאָהרין געווען אַ אויסערגעוועהנ־לעכער שומר הזמן בכלל, און פון בר מצוה אָן האָט ער זיך אָנגעהויבן פירן בעבודת התפלה באריכות, האָט ער נאָך מער מדקדק געווען אין דעם ענין פון שמירת הזמן.**

**אין משך הזמן וואָס דער אַלטער רבי איז געווען אויף קעסט[48], פלעגט ער פאַרברייינגען אין לערנען מיט די גאוני וויטעבסק, און האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די גאונות אין עניני תורה וואָס מען פלעגט אים איבערגעבן בשם גאוני ווילנא. פון צייט צו צייט פלעגט ער, לויט זיין מצב, זייענדיג אַ גבירישער איידים[49], טאָן אַ טובה אין פרנסה די פּראָסטע אידן, קרעמער און בעלי**

---

223. לקמן ס״ע 23 ואילך. ע׳ 29. ד״ה לויתן זה יצרת תשי״ב (סה״מ תשי״ב ע׳ רעז). ועוד.

44) ראה לקמן ריש ע׳ 30; ספר השיחות תש״ו ע׳ 27 ואילך — שנשמת אדמו״ר הזקן היתה חכמה דאצילות.

45) ראה גם ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 113 ואילך.

46) ראה גם תורת שלום — ספר השיחות ע׳ 12 ואילך.

47) ראה עטרת ראש שער יום הכיפורים פ״ב. פ״ו (כט, א ואילך. לו, סע״א ואילך). מאמרי אדמו״ר האמצעי: יום כיפור ע׳ א׳קלד ואילך; סוכות ע׳ א׳רכז ואילך. אוה״ת סוכות ע׳ א׳תשכב ואילך. סה״מ תרל״ז ח״ב ע׳ תרו. תרנ״ז ע׳ קסב. המשך תער״ב פר״ז (ח״ב ע׳ תקעח).

48) ראה רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד דור ראשון, דור שני״ ע׳ ח.

49) חותנו — ר׳ יהודה לייב סג״ל (ראה לקמן ע׳ 23. וש״נ).

מלאכות[50], ער פלעגט זיך אָבער מצער זיין אויף דעם ביטול הזמן.

יא. אַז דער אַלטער רבי האָט זיך צוריקגעקערט דעם ערשטן מאָל פון מעזריטש[51] קיין וויטעבסק, איז ער געווען זייער פאַר זעכדיק. ניט מצד התבודדות אָדער מרה שחורה נאָר פשוט מצד יוקר הזמן, ער האָט זייער מייקר געווען דעם זמן.

דער אַלטער רבי פלעגט אָפט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט מסירת נפש אויף דרכי מורנו הבעש״ט מקרב צו זיין די פראָסטע אידן וועלכע זיינען מקיים מצות מעשיות אָן קיין שום טעם שכלי, מער ניט מצד נשמה קבלת עול.

און ער פלעגט מסיים זיין אַז עס האָט זיך געלוינט, ווייל דערפאַר האָט מען אים מגלה געווען מדריגת המעלה פון די פשוטע אידן, וואָס זיינען מקיים מצות מעשיות באמונה פשוטה וואָס איז מאיר בעצם נשמתם ווי זי איז בשרשה אין חכמה דאצילות.

דער מסירת נפש אויף דרכי הבעש״ט האָט זיך באַצאָלט מיט די גילוים עצמיים פון למעלה מן השכל אין שכל פון תורת החסידות.

יב. דער אַלטער רבי האָט שוין דאַן געהאַט יונגע לייט גרויסע לומדים וואָס זיינען געווען כרוכים אחריו[52]. דער רבי האָט זיי מדריך געווען מיט יגיעה אויף מחדש זיין אין גליא שבתורה.

ווען דער אַלטער רבי איז אַוועק פון וויטעבסק[53] האָבן אַלע לומדי וויטעבסק געמיינט אַז ער איז אַוועק קיין ווילנא.

ווען דער רבי האָט זיך אומגעקערט, האָבן די גאוני וויטעבסק בכלל, און זיינע תלמידים יונגע לייט בפרט, געפיהלט אַ שטאַרקע גיגאַסענע גאונות אין זיינע שיעורי לימוד ברבים[54].

וויפל די לומדים האָבן געוואָלט וויסן וואו ער האָט פאַרבראַכט די דריי פערטל יאָר, אפשר אין ווילנא, האָט דער רבי געשוויגן, נאָר מזמן לזמן האָט ער אַלץ מער און מער מגלה געווען חידושים עצומים אין לימוד הנגלה.

אין וויטעבסק זיינען געווען דריי גרויסע גאונים וועלכע האָבן געלערנט ביים ווילנער גאון, און זיינען געווען שטאַרקע מחדשים אין תורה, ווען דעם רבי׳נס תלמידים האָבן מפרסם געווען ברבים זיינע חידושי תורה, האָבן די דריי זקני הגאונים געזאָגט דעם רבי׳ן אַז אין זיינע חידושי תורה פיהלט זיך אַ זאַפטי־גער ריח פון אמת׳ע חידושי תורה, האָט זיי דער רבי געענטפערט, דאָס איז ווייל די חיצוניות האָט אַ פנימיות.

יג. ווען הוד כ״ק אדמו״ר הזקן האָט געפיהלט אַז די יונגע לייט, זיינע מודר־כים אין עסק התורה, קוקן זיך שטאַרק צו, צו זיינע הנהגות און האָבן שטאַרקע געגועים אַז ער זאָל זיי מגלה זיין וואו האָט ער מקבל געווען דעם דרך פון טאָן אין לערנען, וואָרום זיי האָבן געפיהלט

50) ראה ספר השיחות שבהערה 42.

51) עוד דברים שאמר או עשה כשחזר ממעזריטש – ראה ספר השיחות תש״ו ע׳ 23. וש״נ.

52) ראה רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד דור ראשון, דור שני״ ע׳ ה. ספר השיחות תש״ב ע׳ 121. וראה גם שיחת שמח״ת תרס״א (לקו״ד ח״ד ע׳ א׳תקפה. ספר השיחות תש״ב ע׳ 151). ספר השיחות תש״ד ע׳ 137. ע׳ 137.

53) ראה ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 136 הערה 3. תש״ה ע׳ 132.

54) ראה גם ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 122.

אַז דעם סדר אין לערנען האָט דער רבי געבראַכט קומענדיג פון וועג.

דער רבי איז געווען דער אמת׳ר מד־ריך מומחה אויף מעורר צו זיין דעם תשוקת המקבל און מגלה זיין די כחות עצמיים פון מקבל אויף לקבל בפנימיות.

ווען דער רבי האָט געפיהלט די הת־עוררות התשוקה פון די תלמידים, אַז זיי האָבן אַ תשוקה גדולה צו טאָן אין תורה, ערשט דאַן האָט ער זיי מגלה געווען די מעלת העבודה פון תורת החסידות וואָס איז מגלה די מעלת העבודה אין עבודת התפלה[55], בכדי אַז אין גליא שבתורה זאָל זיך דער הערן דער חיות עצמי פון פנימיות התורה[56].

יד. דער רבי האָט געגעבן זיינע מחונכים אַ סדר עבודה אין התבוננות בתפלה, און האָט געזאָגט אַ עבודה׳דיקן מאמר מבאר געווען דעם ענין, עיקר החסידות הוא בשביל תקון המדות[57], הוא גילוי השכל באהבת הוי׳ ויראתו ית׳.

איינער פון דעם רבי׳נס מחונכים האָט מיט דעם ענין געטאָן צען יאָר אין עבודה שבלב, ביז ער האָט דורכגעהאָרעוועט עס זאָל באַ אים זיין מוח[58] שליט על הלב.

הוד כ״ק אדמו״ר הזקן האָט געזאָגט אויף דעם חסיד, אַז באַ אים איז דער אור הנשמה מאיר בגילוי.

טו. דער מיטעלער רבי האָט דער־ציילט אַז החסיד ר׳ פנחס שקלאָווער[59] האָט אים דערציילט דעם וואָרט וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט אין שק־לאָוו, דורכפאָרענדיג פון מעזריטש אין יאָר תקל״א[60]:

עס איז אַ סך גרינגער פועל צו זיין מוחין דגדלות אויף מחדש זיין אין תורה, ווי פועל זיין אַ התעור[ר]ות פנימי שבלב אויף דעם תקון המדות.

און האָט מסיים געווען, פאָרט אין מעזריטש, ווערט איר מקבל זיין דעם סדר עבודה ווי מען מאַכט אַז די מדות זאָלן זיין ווי על פי תורה איז, יעמאָלט ווערט מען דערהערן דעם אור פנימי וואָס איז מאיר אין גליא שבתורה.

טז. דער עלטער זיידע, דער רבי צמח צדק, האָט געזאָגט דעם זיידן, דעם רבי מהר״ש:

באַ דעם זיידן — כ״ק אדמו״ר הזקן — איז געווען דער עיקר עבודת הלב, ביי דעם שווער — כ״ק אדמו״ר האמצעי — איז געווען דער עיקר עבודת המוח[61].

דער טאַטע האָט מיר דערציילט אויף יחידות, אלול תרנ״ט, וואָס דער זיידע, דער רבי מהר״ש, האָט געהערט פון זיין פאָטער, אדמו״ר צמח צדק, וואָס ער האָט

55) ראה ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 355.

56) ראה ספר השיחות תרצ״א ע׳ 248. שיחת שמח״ת תרס״א (לקו״ד ח״ד ע׳ א׳תקעד. ס״ע א׳תקפ ואילך. ספר השיחות תש״ב ע׳ 143. ע׳ 147 ואילך).

57) ראה ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 353. ע׳ 355. תש״ז ע׳ 109. תש״ט ע׳ 297. וראה ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 266. וש״נ.

58) זח״ג רכד, סע״א. וראה תניא פי״ב (יז, ריש ע״א). פי״ז (כג, א). פ״ל (לח, ב). פנ״א (עא, סע״ב).

59) ר׳ פינחס רויזעס בן הגאון הרב חנוך העניך שיק משקלאָוו. נפטר בליובאַוויטש בערך שנת תקפ״ה. ראה אודותיו — הוספות למאמרי אדמו״ר הזקן הנחות הר״פ ז״ל ע׳ קצא. וש״נ. רשימת רבינו „דברי ימי חיי אדמו״ר הזקן" (קה״ת, תשע״א) ע׳ ל ואילך. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 55 ואילך. ע׳ 126. תש״ג ע׳ 124. תש״ז ע׳ 74. ע׳ 154. תש״ח ע׳ 245 ואילך. ע׳ 258.

60) ראה שיחת ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 61 ואילך. תש״ג ע׳ 111 ואילך.

61) ראה גם ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 139. תש״ג ע׳ 114. תש״ה ע׳ 52.

געהערט פון זיין זיידן, אדמו״ר הזקן, פאַר זיין בר מצוה[62].

פאַר בר מצוה האָט אים דער אַלטער רבי אַריינגערופן און האָט אים געזאָגט:

אין אהבת השם זיינען פאַראַן שלשה אופני אהבה, בכל לבבך בכל נפשך ובכל מאדך[63]. בכל לבבך איז פאַראַן באַ אַלע אידן. בכל נפשך איז פאַראַן באַ מביני מדע. ובכל מאדך איז באַ דעם וואָס האָט מסירת נפש אויף מַקְנֶה צו זיין אין אַ אידן אַ מדה טובה.

און האָט מיך געבענטשט בהנחת ידיו הקדושות על ראשי. און דעם זיידנס, דעם רבי׳נס ברכה, האָט מיר ב״ה מצליח געווען, אַלץ וואָס מיר אַלע פאַרמאָגן און וואָס אונזערע קינדער און קינדס קינדער לדורותיהם וועלן פאַרמאָגן אין דער עבודה הרוחנית, איז דאָס פון דעם זיידנס מסירות נפש עבודה.

אין סעודת מצוה פון מיין בר מצוה האָט דער זיידע געזאָגט ברבים:

פאַר מיין מסירות נפש אויף תורת רבותי הק׳ הבעש״ט וההמ״מ ממעזריטש צו ברייינגען אין עבודה בפועל עבודת המוח והלב, האָבן מורי ורבותי פועל געווען אַז די וואָס וועלן לערנען חסידות און ניט טאָן אין עבודת הלב, זאָלן זיי ניט פאַרשטיין[64]. די תורה וועלכע ער האָט קונה געווען במסירת נפש, וויל ער ניט אַז זי זאָל זיך געפינען אין אַ כלי מאוס.

וואָס דאָס איז אַ כלי מאוס, האָט דער זיידע מבאר געווען דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט מיר איבערגעגעבן אין אַ אריכותדיקער רייד באַ אַ שפּאַציר אין יאָר תרס״ט.

דעם אריכות הביאור פון נחיצות און מעלת עבודת התפלה וואָס עס איז נוגע בנפש, איז בקיצור אַז דער וואָס לערענט חסידות און איז זיך ניט עוסק בעבודת הלב אין תפלה, וואַרפט מען אַרויס מלמעלה ווי אַ דבר מתועב.

יז. באַ דעם אַלטן רבין, ווען עס איז געווען אַ בעל מוחין וואָס האָט ניט געטאָן אין תקון המדות, האָט ער גע־זאָגט אַז דאָס איז אַ עונש, און אַז דער איז גיקומען אויף יחידות, האָט דער רבי איהם געגעבן תקוני תשובה.

יח. אַז איינער איז געווען אַ בעל חסרון אין מוחין, עס האָט זיך אים ניט גוט אָפּגעלעגט דאָס וואָס ער האָט גע־לערנט אין חסידות, האָט דער אַלטער רבי אים גערופן אַ בעל חסרון. אין עצם הנפש פעלט דאָך ניט, ער איז דאָך אַ שלם, נאָר עס פעלט אין התגלות, ממילא קען דאָך נשלם ווערן דער חסרון, אָבער ווען איינעם האָט געפעלט אין מדות האָט ער אים גערופן בעל מום.

יט. באַ איינעם אַ משפיע וואָס דער רבי, דער עלטער זיידע[65], פלעגט צו אים שיקן יונגע לייט צו לערנען מיט זיי חסידות און מדריך זיין זיי אין דרכי עבודה[66], האָט געטראָפן אַז אַ געוויסע צייט האָט געפעלט הצלחה אין דער עבודה פון זיינע מחונכים, איז דער משפיע און מדריך[67] געווען דערפון צוטראָגן.

62) עוד ענינים שאדמו״ר הזקן אמר או עשה בקשר להבר־מצוה של אדמו״ר הצ״צ — ראה ספר השיחות תר״ץ ע׳ 87. תרצ״א ע׳ 223. הוספות לספר השיחות תרפ״ח־תרצ״א ע׳ 277. תרצ״ו ע׳ 115.

63) ואתחנן ו, ה.

64) ראה ספר השיחות תרפ״ח ע׳ 41. תרצ״ז ע׳ 230.

65) כ״ק אדמו״ר הצ״צ.

66) ראה גם ספר השיחות תרצ״א ע׳ 217. תרצ״ב ע׳ 53. תרצ״ה ע׳ 530 ואילך. תרצ״ז ע׳ 249.

67) משפיע און מדריך: ראה גם קונטרס „דברי ימי

ווען דער חסיד המשפיע איז געקומען קיין ליובאַוויטש און איז אַריין צום רבי׳ן, צום עלטער זיידן אויף יחידות, האָט ער דערציילט את נגעי לבבו און האָט זייער געוויינט. האָט אים דער רבי געזאָגט:

אמת, דמעות מכבסים[68], וואָס זוכסטו באַ יענעם, זוך אין דיינע אייגענע ד׳ אמות, אַז באַ דיר וועט זיין תיקון המדות וועט ביים מקבל זיין תיקון המוחין.

כ. כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה לנגן ני־גון, אַ פנימיותדיקן ניגון[69], עס זאָל דורך נעמען די פנימיות, עס בעדאַרף ניט ניכר זיין אין די חיצוניות, דער דרך אמיתי פון חסידי חב״ד איז עס דאַרף דערנעמען די פנימיות, אין חיצוניות בעדאַרף ניט ניכר זיין[70].

כא. ווען חסידים וואָלטן וויסן וויפל די רביים גיבן חסידים און ווי וויניג זיי נעמען, און זיי וואָלטן יעדער ענין וואָס זיי הערן וועגן הנהגת חסידים הישנים אויסנוצען אין אַ עבודה בפועל, וואָלטן מיר אַלע געשטאַנען אויף אַן אַנדער מעמד ומצב רוחני.

כב. השי״ת זאָל אונז אַלעמען העלפן צו זיין ווי כ״ק אבותינו רבותינו הקדו־שים האָבן אונז מדריך געווען און דאַן וועלן מיר באמת זיין גליקלעך בגשמיות וברוחניות.

---

החוזרים״ (קה״ת, תשס״ו) ס״א. רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד דור ראשון, דור שני״ ע׳ י. הוספות לספר השיחות תרצ״ו־חורף ה׳ש״ת ע׳ 414.

68) ראה זח״ג עה, ב. ראשית חכמה שער התשובה פ״ה.

69) ראה גם לקמן ע׳ 27 הערה 48.

70) ראה גם ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 265 ואילך. וש״נ.

## ב"ה, בסעודה, יום א' דחג הסוכות

א. דעם[1] אַלטן רבי'נס מחונכים, ווען דער רבי איז נאָך געווען אויף קעסט אין וויטעבסק[2], זיינען געווען דייקנים בלישנא פון הוד כ"ק רבינו[3], אויך אין אַ נוסח הברכה.

ווען דער רבי פלעגט דער מאָנען איינעם פון די גדולי ישראל וואָס זיינען שוין געווען אין עולם האמת, פלעגט ער זאָגן דעם נוסח נשמתו עדן, ווען ער איז געקומען פון מעזריטש[4] און פלעגט דערמאָנען דעם בעש"ט אָדער ווען עמען עס איז פון זיינע תלמידים וועלכע זיינען שוין נפטר געוואָרן, פלעגט ער זאָגן דעם נוסח[5] אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן פאַר דעם דרך החסידות וואָס דער בעש"ט האָט מגלה געווען.

חסידים בכלל, און דעם אַלטן רבי'נס מחונכים בפרט, זיינען געווען אמת'ע דייקנים בלישנא קדישא[3], זיי האָבן גע־וואוסט אַז דער רבי איז אַ מדייק בלישנא, און האָבן געלערנט יעדן וואָרט וואָס זיי האָבן געהערט פון רבי'ן, זייענדיק זיכער אַז זיין יעדער וואָרט איז מדויק, און איז מגלה די כוונה פנימית וואָס דער וואָרט מיינט.

ב. די חניכי החסידים האָבן שטאַרק געגאַרט צו וויסן כוונת אדמו"ר הזקן מיט דעם וואָרט אַ ליכטיקן גן עדן, משמע אַז עס איז אויך פאַראַן אַ גן עדן וואו עס איז פינסטער, וואָס האָט חסידים געשראָקן, עס איז באַ זיי געווען אַ תרתי דסתרי, אי אַ גן עדן אי אַ חשך'דיקער.

ווען דער אַלטער רבי האָט געזעהען אַז די מחונכים זיינען בצער פון דעם וואָס זיי ווייסן ניט דעם פירוש פון דעם נוסח הברכה אַ ליכטיקן גן עדן, האָט דער רבי געזאָגט אַ מאמר חסידות וואו ער האָט מבאר געווען דעם ענין פון אור וחשך ע"פ דרך החסידות[6], וואָס מיט דעם מאמר האָט דער רבי ליכטיג געמאַכט די חסידים אין דרכי עבודה, און האָט מבאר געווען די געגנאַרטקייט פון דעם עולמות'ן גן עדן אין הרגש עצמו, וואָס דאָס איז דער פנימיות'דיקער והכסילים בחשך ילכו[7], און דאָס איז דער שרש פון דער ברכה וואָס חסידים זאָגן אויף אַ חסידישן מדריך אָדער משפיע[8] זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, וואָס ער האָט אונז ליכטיג געמאַכט די דרכי החיים על פי דרכי החסידות.

ג. אַ[9] ליכטיקן גן עדן זאָל האָבן

1) בהבא לקמן – ראה גם לקמן ע' 17 ואילך.

2) ראה לעיל ע' 8.

3) ראה גם ספר השיחות תרצ"ג ס"ע 138. תרצ"ה ע' 502. ס"ע 508 ואילך.

4) עוד דברים שאמר או עשה כשחזר ממעזריטש – ראה ספר השיחות תש"ו ע' 23. וש"נ.

5) ראה גם ספר השיחות תר"ץ ריש ע' 94. תרצ"ז ע' 188. תש"ה ע' 123. תש"ז ע' 80. תש"ח ע' 248 ובהערה 55.

6) ראה ד"ה להבין ענין אור וחושך במאמרי אדמו"ר הזקן ענינים ח"א ע' סג.

7) ע"פ קהלת ב, יד.

8) מדריך . . משפיע: ראה לעיל ס"ע 11. וש"נ.

9) בהנחה בלתי מוגה: אַ ליכטיגען גן עדן זאָל האָבען דער „בית רבי" וואָס ער האָט פותח געווען דעם שער פאַר אָבדרוקען סיפורי חב"ד. עס איז זעהר אַ נויטיגע זאַך. עס זיינען געווען חסידים וואָס האָבען דאָס מבטל געווען, אָבער דער אמת איז, אַז די רביים האָבען דערפון שטאַרק געהאַלטען, נאָר זיי האָבען דאָס

החסיד ר׳ חיים מאיר ז״ל[10], דער מחבר פון ספר בית רבי[11], וואָס מיט זיינע סיפורים האָט ער פותח געווען דעם שער אין סיפורי הוד כ״ק אבותינו רבותינו הק׳, וואָס מיט דעם האָט ער פותח געווען דעם שער קרן אורה פון עבודת החסידים והחסידות[12].

סיפורי חב״ד זיינען דער חסידישער נר וואָס בעלייכט די דרכי עבודה[13], הן אין אַ חסידישער איבערגעגעבנקייט און הן אין אַ חסידישער פנימיות׳דיקער עבודת התפלה.

עס זיינען געווען חסידים וואָס האָבן זיך שטאַרק פאַרטיפט אין דער השכלה פון חסידות, האָבן די רביים געזאָגט אַז זיי פירן אַראָפּ חסידים פון דעם דרך וואָס דער רבי האָט מגלה און מייסד געווען.

עס איז פאַראַן אַן אַלטער חסידישער וואָרט, דעם פאַרשטאַנד פון חסידות בעקומט מען אין לערנען חסידות, דעם געפיהל אין עבודה באַקומט מען ווען מען דאַוונט מיט דעם וואָס מען האָט געלערנט.

ד. די סיפורי החסידים האָבן חסידים מיט זייערע בני בית אַוועקגעשטעלט אויפן ריכטיקן מעמד ומצב פון אַ חב״ד חסידישן לעבנס שטייגער[14].

דער בית רבי, מיט זיינע סיפורים, האָט חסידים אַוועקגעשטעלט אין קרן אורה וואָס די דרכי החסידות האָבן אַריינגעבראַכט אין עבודה בפועל דורך די סיפורי החסידים.

די שיטה פון חסידות חב״ד איז ניט צו גריבלען זיך אין דעם צווייטנס רע, נאָר טאָן מיט זיך אין דרכי עבודה פון דעם תיקון המדות, אַז די ליכטיקייט פון מדות חסידות זאָל מאַכן דעם צווייטן ליכטיק אַז ער זאָל זען דעם עומק רע פון מדות רעות, און האָרעווען אויף מבער זיין זיי[15].

איין טאָג אין יאָר מעג מען זיך רייצן מיטן שטן. ער האָט דאַן קיין שליטה ניט[16], ווי דער מאמר הידוע[17] פון גירא בעינא דשיטנא, דאָס איז יום כפור, אָבער אַ גאַנץ יאָר, הן בימות החול און הן בשבת ויום טוב, דאַרף מען זיך ניט רייצן מיטן מנגד, נאָר מען בעדאַרף זיין אַ שוקד אין עבודה, אויף פאַרשטיין און אויסגיפינען אַלע מיני המצאות וואָס דער נה״ב וויל אַריין נאַרין דעם מענשין, און דאָס איז איינע פון די עקרי און יסודי העבודה די ידיעה כללית אַז דער נה״ב איז כל ענינו ועהרין אַ דיעה זאָגער, און מען מוז איהם היטין ווי אַ פלינקין גנב.

---

ניט געוואָלט מגלה זיין, בכדי דאָס זאָל ניט מונע זיין פון לימוד ועיון אין חסידות.

פיעל סיפורים איז אין בית רבי ניט געדרוקט משני טעמים, הא׳, האָט ער אַ סך סיפורים ניט געוואָלט מפרסם זיין מצד המנגדים. הב׳, אַ געוויסען טייל סיפורים האָט ער — דער בית רבי — אַליין ניט געוואוסט. בכלל אין די מנגדים איז דאָך דאָ אַ עומק רע עד בלי שיעור, די שיטה פון חסידות איז ניט צו קריכען צו יענעם, נאָר טאָהן מיט זיך אַז יענער זאָל ממילא דערהערין.

10) ר׳ חיים מאיר היילמאַן (ליעפּלי תרט״ו — י״ג מר־חשון, תרפ״ח?). הי׳ אצל רבינו בלעניגראַד בשנת תרפ״ו או תרפ״ז (ראה ספר השיחות תרפ״ו ע׳ 103. קובץ עשרה מאמרות (ירושלים, תשע״ה) ע׳ 63 ואילך. ספר סופר וסיפור (ירושלים, תשמ״א) ע׳ 737).

11) באַרדיטשוב, תרס״ב. מהדורה אידית של הספר: ח״א — ווילנא, תרס״ד. ח״ב־ג — שם, תרס״ה.

12) ראה לקמן ע׳ 17.

13) ראה ספר השיחות תש״ג ע׳ 77.

14) ראה גם ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 14. תרצ״ז ע׳ 222.

15) ראה גם ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 182. תרצ״ט ע׳ 387.

16) ראה יומא כ, א.

17) ראה קידושין פא, סע״א.

ה. הרגש — געפיהל — איז אַ געּ באָרענע זאַך וואָס ווערט איבערגעגעבן פון עלטערן צו קינדער, און דערום זיינען מדות איינע פון די אַיינגעבאָרענע זאַכן וואָס זיינען אַ אונטערשייד שטריך צווישן חסידים און עולמות׳ע.

הרגש — געפיהל — איז דער עמוד אור פון דעם מענשן וואָס שטעלט אים אַוועק אויף דעם ריכטיקן וועג פון אידישקייט, מיט געוויסע כאַראַקטער אונטערשיידן צווישן חסידים און עולמות׳ע. באַ עולמוּ־ ת׳ע איז דער עיקר מהות עצמו איז דער הרגש עצמו, און דער חסידישער מהות עצמו איז דער הרגש הזולת.

אַ ליכטיקן גן עדן זאָלן האָבן די חסי־ דישע משפיעים וואָס האָבן בעלויכטן חסידים מיט זייער חסידישער הדרכה אין מדות חסידות, וואָס מיט דעם האָבן חסידישע מדריכים אַוועקגעשטעלט זייערע מודרכים אין אַ קרן אורה פון מדות חסידות.

דער חסידישער פאַרברייינגען איז דער מקור החיים וואָס בעלייכט די חסידישע יונגעלייט דעם דרך החיים פון אַ חסי־ דישן מחונך[18].

עס איז גאַנץ איבעריג צו מאריך זיין וועגן דעם גרויסן אונטערשייד פון הרגש עצמו און הרגש הזולת, וואָס ווי מיר זעהען אין לעבן איז דאָס דער אונ־ טערשייד פון צוויי געוויסע שטרעבונגען אין לעבנס שטייגער וואָס ווערן אויסגע־ דריקט דורך צוויי געוויסע אויסשפּראַכן, הכסיל בחשך הולך[7], און החכם עיניו בראשו[7].

ו. עבודת התפלה און קריאת שמע שעל המטה זיינען די פנסי אור וואָס בעלייכטין דעם דרך העבודה אין עבודת החסידות. דער וואָס לערנט חסידות און איז ניט עוסק אין עבודת התפלה און בירור המדות, איז אַ מחלל שם החסידות, און בעדאַרף אַ סך איבערטראַכטן וואָס ער איז גורם ח״ו דעם חילול כבוד החסידות און בעדאַרף שטאַרק מורא האָבן דערפאַר.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מכריז געווען, שמחת תורה תרמ״ח, די רביים האָבן געהאַט מסירות נפש אויף דער הדרכה פון חסידים, און די התחלה ראשונה איז די עבודה פון הרגש הזולת, פיהלן דעם צווייטן, זיין אַ שמח בשמחת חבירו און מצער זיין זיך בצער חבירו ח״ו[19].

אין מדות בני אדם זעהען מיר, אַז אויף דעם אייגענעם ניט גוט ח״ו דאַרף מען ניט האָבן קיין התבוננות צו דער הערן דעם ניט גוט. באַלד ווי עס ווערט ח״ו ניט גוט דערהערט מען זייער שטאַרק און עס פועלט אַ שטאַרקע אַראָפּגעפאַלענ־ קייט פאַרוואָס קומט דאָס אים, עס איז דאָך דרך איש ישר בעיניו[20], מען איז מיט זיך צופרידען. און אויף דעם צווייטנס ניט גוט ח״ו געפינט מען טעמים, להיפך ממש ווי עס בעדאַרף זיין על פי דרכי החסידות.

דרכי החסידות זיינען אַז אויף אייגע־ נע יסורים ח״ו קען מען געפינען אַ פאַר־ וואָס און אַ פאַרוועז, מען בעדאַרף מאַכן דעם ריכטיקן חשבון וועט מען שוין גע־ פינען דעם ריכטיקן פאַרוואָס עס קומט אים ח״ו דער צער. און די ידיעה שטעלט אַוועק חסידים אויף דעם ריכטיקן אָרט פון אַ עובד ה׳.

18) ראה גם ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 257 ואילך. ריש ע׳ 419.

19) ראה גם ספר השיחות תרצ״ג ס״ע 181 ואילך. ד״ה נר חנוכה תרצ״ד (סה״מ תרנ״ט ע׳ ערב).

20) משלי כא, ב.

ז. דער אַלטער רבי האָט געהאַט מסי־רות נפש אויף תורת הבעש"ט נ"ע, זעקס און צוואַנציק יאָר[21], כמנין שם הוי'[22], האָט דער רבי געהאָרעוועט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענקייט אויף להעמיד דעם עדת החסידים אין קרן אורה פון עבודה שבלב.

ח. ווען עס איז אַרויס די התנגדות אויף תורת און עבודת החסידות, און אין אַ סך שטעט אין ליטא האָבן חסידים געהאַט גרויסע רדיפות, האָבן די גאָר נאָהענטע געהערט ווי דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן אין סוף שמונה עשרה, יבא[23] החץ בי.

ערב[24] ר"ה תק"ן[25], איז דער רבי דער צמח צדק אַלט געוואָרן דריי יאָר[26], זיין מוטער הרבנית דבורה לאה[27] האָט אים געפירט צום אַלטן רבי'ן בענטשען אים.

ווען זי איז אַריין צום אַלטן רבי'ן האָט ער נאָך געדאַוונט, און זי האָט געהערט ווי ער זאָגט דעם נוסח, יבא החץ בי, איז זי געוואָרן זייער אומרוהיג און האָט זיך שטאַרק צו וויינט.

ווען זי האָט דערנאָך אַריינגעפירט דעם רבי'ן צמח צדק צום אַלטן רבי'ן האָט זי זייער געוויינט. דער אַלטער רבי האָט אַוועקגעשטעלט דעם צמח צדק אויף אַ שטול, און האָט אַרויף געלעגט ידיו הק' על ראש הילד, און האָט אים געבענטשט.

הרבנית דבורה לאה האָט דערביי שטאַרק געוויינט, האָט דער רבי גע־פרעגט וואָס וויינסטו, דיין קינד וועט דערלייכטן די וועלט מיט תורה און עבודה על פי דרך החסידות[28] מיט אריכות ימים ושנים.

ט. דער זיידע — האָט דער רבי צמח צדק געזאָגט צו זיין זון הוד כ"ק אא[ז]מו"ר מוהר"ש — איז געווען דער אמת'ר אוהב ישראל און אַ מעביר על מדותיו, קומענדיק פון פעטערבורג האָט ער מורא געהאַט פאַר דער התרגשות פון חסידים[29], נאָך די אַלע יסורים וואָס די מתנגדים האָבן אים געשטעלט אין סכנת נפשות ממש, האָט ער אָנגעזאָגט די חסידים זיי זאָלן ניט אַרויס קעגן מתנגדים[30].

י. שמא מילתא היא[31]. דער נאָמען פון אַ מענטשן באַצוועקט אין געוויסע פאַלען

21) זעקס און צוואַנציק יאָר: תקל"ג־תקנ"ט — ראה שיחת י"ט כסלו שנה זו ס"א. וראה ספר השיחות תרצ"ד ע' 319.

22) ראה לקמן ע' 27 ובהערה 39.

23) ע"פ פרש"י האזינו לב, יא („מוטב שיכנס החץ בי ולא יכנס בבני").

24) בהבא לקמן — ראה ספר השיחות תרצ"ג ע' 176 ואילך. וש"נ.

25) ערב ר"ה תק"ן . . דריי יאָר: ראה לקמן ע' 18, שבשנת תקנ"ט הצמח צדק הי' בן תשע שנים*. ואוצ"ל: תקנ"ג (ראה גם הערה הבאה).

26) ראה גם ספר השיחות קייץ ה'ש"ת ע' 30, שמאורע זה התקיים בערב ראש השנה תקנ"ג, במלאת להצמח צדק שלוש שנים. במקום אחר כתוב שזה הי' בשנת תקנ"ב, כאשר הי' בן שנתיים (ראה ספר השיחות תרצ"ג ע' 179 ואילך. וש"נ).

27) נולדה בשנת תקכ"ז (רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב"ד דור ראשון, דור שני" (קה"ת, תשס"ט) ע' יז הערה כט).

*) נולד כ"ט אלול תקמ"ט (ערב ראש השנה תק"ן). — אודות שנת הולדת הצמח צדק — ראה ספר השיחות תרצ"ג ע' 142. וש"נ. תרח"ץ ע' 266. וש"נ.

28) ראה גם שיחת י"ט כסלו שנה זו סוף ס"א.

29) ראה ספר השיחות תרצ"ג ס"ע 177 ואילך. תרצ"ז ע' 226.

30) ראה תניא אגה"ק ס"ב (קג, ב ואילך). וראה ספר השיחות תרצ"ב ע' 28. תרצ"ג ע' 148 ואילך.

31) ראה ברכות ז, ב: שמא גרים. יומא פג, ב: דייק בשמא. וראה לקו"ש ח"ו ס"ע 35 ואילך. אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר ח"א ס"ע רפח ואילך. לקוטי לוי יצחק אגרות־קודש ע' ריח.

די שליחות פון דער נשמה וואָס זי דאַרף אויספירן אויף דער וועלט.

די גמרא (פסחים סה, א) זאָגט אי אפשי לעולם בלא בורסקי[32] ובלא בסם, אשרי מי שאומנתו בסם. בסם ובורסקי אין חינוך הכשר זיינען די סיפורים פאַר קינדער, וועלכע ווייזן די קינדער דעם ריכטיקן דרך הישר.

אַ ליכטיקן גן עדן זאָל האָבן דער מחבר פון בית רבי[33], ער האָט דערלויכטן די חסידים מיט זיינע חסידישע סיפורים, וואָס מיט דעם האָט החסיד ר׳ חיים מאיר נ״ע בעלויכטן די חסידישע הייזער.

חיים מאיר, אַ לעבן פון אַ בעלייכטער. החסיד ר׳ חיים מאיר האָט מיט זיינע סיפורים געמאַכט ליכטיג, אַז חסידים ווייסן דעם דרך אמיתי וואָס אַ נשמה האָט צו טאָן אויף דער וועלט.

די סיפורים פון בית רבי האָבן אין אַ געוויסען זין אויפגעוועקט און בעלויכטן די חסידישע הייזער, אויך אפילו אין די אַלטע אַיינגעפונדעוועטע חסידישע היימען.

היינט צו טאָג דאָ אין אַמעריקא, וואו די הגברת החומר על הצורה איז לעת עתה נאָך זייער שטאַרק. אַלע האַלטן אין מאַכן אַ לעבן, און דער לעבן איז געלט, אויך אפילו באַ תלמידי הישיבות, בע־דאַרפן חסידים וויסן אַז דער עיקר לעבן איז די צורה[34].

די סיפורי החסידים האָבן אַוועקגע־שטעלט חסידים מיט זייערע פאַמיליעס אין אַ קרן אורה וואָס האָט בעלויכטן און בעלייכט די חסידישע הייזער, און בעזרת השם יתברך וועלן די דרכי החסידות בעלייכטן אויך דאָ אין לאַנד[35].

יא. חסידים[36] האָבן דעם ריכטיקן עין רואה ואזן שומעת[37] אויפמערקזאַם, צו זעהען יעדער תנועה פון רבי׳ן, און מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענקייט צו־הערן זיך צו יעדער וואָרט וואָס דער רבי זאָגט, יעדער וואָרט חזר׳ן חסידים צענד־ליגער מאָל, ביז מען ווייס אים קלאָר, און יעדער תנועה פון רבי׳ן ווערט פיל מאָל אַרום גערעט און געחזרט אַז מען זאָל גוט געדענקען.

די דרכי החסידים אין די חסידישע סיפורים באַ אַ חסידישן פאַרברייגנגען האָבן אַוועקגעשטעלט חסידים אין אַ קרן אורה פון עבודה שבלב[38].

אַז[36] דער אַלטער רבי איז געקומען פון פעטערבורג, האָט דער חסידישער אזן שומעת דערהערט אַ נייעם וואָרט פון רבי׳ן, ווען ער פלעגט דערמאָנען אַן אַלטן חסיד פלעגט ער זאָגן אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן.

חסידים זיינען געווען מורגל צו הערן פריער פון רבי׳ן דעם לשון נשמתו עדן אָדער עליו השלום, און איצטער האָט

32) בורסקי: בפסחים שם: בורסי. בקידושין פב, ב: בורסקי.

33) ראה לעיל ס״ע 13 ואילך.

34) ראה גם לעיל ע׳ 4. שיחת ליל שבת בראשית שנה זו ס״ד.

35) בהנחה בלתי מוגה: דער „בית רבי״ איז געווען פריהער (קודם הדפסת הספר) ביי[ם] טאַטען און געבעהטען סיפורים. דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז אַ ביסול סיפורים האָט ער עם דערציילט פאַר עהם אַליין (הכוונה ע״מ שלא להדפיסם. המעתיק), און אַ גרויסען טייל האָט ער עם אויך ניט דערציילט.

דאָס איז געווען אַמאָהל ווען מ׳איז געווען אויף אַן אָרט, היינט, דאָ, איז דאָס זעהר נויטיג מפרסם צו זיין די סיפורים.

36) בהבא לקמן — ראה לעיל ע׳ 13 ואילך.

37) ע״פ אבות פ״ב מ״א. וראה לעיל ס״ע 5 ואילך. וש״נ.

38) ראה גם ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 373 ואילך.

דער רבי אָנגעהויבן זאָגן דעם לשון אַ ליכטיקן גן עדן זאָל ער האָבן.

פון דעם רבי׳נס אויסשפּראַך אַ ליכ־טיקן גן עדן האָבן חסידים פאַרשטאַנען אַז אין גן עדן זיינען דאָ חילוקי דרגות, אַ ליכטיקער גן עדן און אַ פינסטערער גן עדן.

יב. דער וואָרט האָט חסידים שטאַרק פאַרוואונדערט ווי איז דאָס ביידע זאַכן, אי אַ גן עדן און אי אַ פינסטערער, ווי קומט חשך אין גן עדן. און חסידים האָבן געהאַט גרויס עגמת נפש פון דעם העדר הבנה אין דעם וואָרט וואָס זיי האָבין גיהערט פון רבי׳ן, און זיי האָבין זעך שטאַרק מצער גיועהן וואָס זיי ווייסין ניט די כוונה פון רבי׳ן.

דער רבי צמח צדק איז דאַן אַלט גע־ווען ניין יאָר[39], און חסידים האָבן גע־וואוסט אַז דער רבי אַליין לערנט מיט אים חסידות און דערציילט אים דאָס וואָס ער האָט געהערט אין מעזריטש וועגן בעש״ט נ״ע[40], האָבן חסידים מחליט געווען צו פרעגן ביים צמח צדק דעם פירוש המלות ותוכנם וואָס דער רבי מיינט מיט דעם אויסשפּראַך אַ ליכטיקן גן עדן.

דער רבי צמח צדק האָט זיי געענט־פערט[41]:

דער זיידע האָט מיר געזאָגט:

זיין אַ חכם איז קיין מצוה ניט און זיין אַ שוטה איז קיין עבירה ניט, נאָר אַ חכם איז עיניו בראשו[7], למאן דשריא על ראשו[42], און אַ עולמות׳ר איז אַ כסיל בחשך הולך[7]. נאָך הונדערט און צוואַנ־ציג יאָר, ווען חסידים און עולומות׳ע קומען אין עולם האמת מקבל זיין שכרם אין גן עדן פאַר דער עבודה פון עולם הזה, און מען פירט אַריין יעדערן אין זיין פאַרדינטן גן עדן, איז חסידים פירט מען אין זייער פאַרדינטן ליכטיקן גן עדן.

יג. דער[43] עולם זינגט חסידישע הת־עוררות[44] ניגונים וועלכע זיינען שטאַרק מעורר צו אַ חסידישן ליכטיקן עבודה לעבן.

יד. שמחת תורה באַ דער נאַכט צו קידוש — פאַר הקפות — שנת תרנ״ג האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געזאָגט:

עס זיינען פאַראַן דרכי החסידים און עס זיינען פאַראַן דרכי החסידות[45]. די דרכי החסידות האָבן געמאַכט אַ חסי־דישן לעבן. די דרכי החסידים האָבן גע־מאַכט באַ חסידים אַ חסידישע היים.

איינע פון די דרכי החסידים איז עבודת התפלה[46], דער חסידישער דאַ־ווענען איז דער חסידישער דבר המעמיד[47]. עס שטעלט אַוועק דעם דאַווענער אין אַ ליכטיקן ווינקל. עס בעלייכט אים זיין עבודה וועג, ער זעט קלאָר דעם מהות עצמו, הן די מעלות וואָס ער פאַרמאָגט

39) ראה לעיל הערה 25.

40) ראה ספר השיחות תרצ״ג ס״ע 150 ואילך. ע׳ 187 ובהערה 54. תרצ״ד ע׳ 323. תרצ״ז ע׳ 258.

41) בהנחה בלתי מוגה: הצ״צ ענה: וואָס איהר ווייסט ניט, איך ווייס יע [ההמשך בפנים].

42) זח״ג קפז, א. וראה תניא פל״ה (מד, א).

43) בהנחה בלתי מוגה: ציוה לנגן ניגון, אַ פנימיות׳דיגען ניגון, אחרי הניגון אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: [אודות שמח״ת תרנ״ג].

44) התעוררות: בכתי״ק: התעוררות און דביקות.

45) ראה גם ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 194. תש״ג ע׳ 77. תש״ד ע׳ 103.

46) ראה ספר השיחות תש״ג ע׳ 58 ואילך.

47) ראה גם שיחת ש״פ בחוקותי תשד״מ (תו״מ ח״ג ע׳ 1756 ואילך).

און הן די חסרונות וואָס ער דאַרף אויסראַמען[48].

טו. דער פעטער רז״א נ״ע[49] האָט געפרעגט באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק:

פאַרוואָס איז זינגען אין דאַוונען איינער פון די דרכי החסידות[50].

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט געענטפערט:

זינגען איז אַ מעמד הנפש אויסגאָס וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין דעם ניגון. פאַראַן אַ ניגון וואָס קומט פון די געגועים וואָס דער מנגן איז זיך מתגעגע. פאַראַן האָפנונגס ניגונים, און עס זיינען פאַראַן התמרמרות ניגונים, און אַזוי זיינען פאַראַן פאַרשיידנאַרטיקע ניגונים וואָס זיינען מתאר דעם מעמד הנפש פון דעם מנגן.

חסידים זינגען אין דאַוונען, ווייל קול מעורר הכוונה[51]. בכדי צו פאַרשטיין אַ ענין פנימי בעדאַרף מען זינגען, און אַז באַ אַ חסיד לייגט זיך אָפּ אַ ענין אין דאַוונען זינגט זיך[52].

טז. דער חסידישער דאַוונען קומט פון לעבן און מאַכט אַ לעבן. דער אַלטער רבי האָט מבטיח געווען חסידים אַז דורך עבודת התפלה וועלן זיי מצליח זיין אין עסק החסידות[53].

דער וואָס לערנט חסידות ווייל ער וויל די השכלה פון חסידות, בעדאַרף שטאַרק איבערטראַכטן און מורא האָבן פאַר דעם רבי׳נס אזהרה וואָרט[54].

יז. עס איז זייער נויטיג מסדר צו זיין[55] די פערשידענע כתבים וואָס באַ מיר איז פאַרשריבן, סיפורים און שיחות הקדש וואָס איך האָב געהערט פון הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אין פערשידענע זמנים ברבים און ביחידות, אויך סיפורי החסידים וואָס האָבן אַליין געהערט און געזעהען פון הוד כ״ק אבותינו רבותינו הק׳.

די סיפורים וואָלטן פשוט מחי׳ געווען דעם עדת החסידים און אַוועקשטעלן זיי בעזה״י אויף דעם ריכטיקן אָרט פון עבודה לעבן.

אַ חסידישער התועדות וואָרט מאַכט קלאָר וואו מען האַלט אין עבודה בפועל, דורך דעם וואָס עס בעלייכט זיין מעמד ומצב אין עבודה.

---

48) ראה גם אגרות־קודש ח״ה ע׳ נא (הועתק ב„היום יום״ כו חשון). ספר השיחות תרפ״ז ע׳ 114. תרפ״ח ע׳ 7. תרצ״ד ע׳ 400. תרצ״ז ע׳ 217. הוספות לספר השיחות תרצ״ו־חורף ה׳ש״ת ריש ע׳ 415. ספר השיחות תש״ד ע׳ 120. ה׳שי״ת ע׳ 386.

49) הרב שניאור זלמן אהרן בנו הגדול של אדמו״ר מהר״ש. ראה אודותיו – ספר התולדות אדמו״ר מהר״ש (קה״ת, תש״ז. תשנ״ז) ע׳ 22. ספר השיחות תרפ״ג ע׳ 41. תרצ״א ע׳ 226 ואילך. תרצ״ג ע׳ 142. תרצ״ו ע׳ 56 ואילך. ע׳ 114 ואילך. תרצ״ז ע׳ 255. תש״ו ע׳ 14. תש״ז ס״ע 82 ואילך. ס״ע 107 ואילך. תש״ח ע׳ 168. ע׳ 193. ע׳ 218. ס״ע 254 ואילך. תש״ט ע׳ 272. הוספות לספר השיחות תרפ״ח־תרצ״א ע׳ 273. ע׳ 275 ואילך.

50) בהבא לקמן – ראה ספר השיחות תש״ב ע׳ 133 ואילך – מדיבורי כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע, ליל שמח״ת תרס״א לפני הקפות. וראה ספר השיחות תרצ״ד ס״ע 320. תרצ״ט ס״ע 378 ואילך. שיחת י״ט כסלו שנה זו ס״ד. אחש״פ תש״ז סכ״ב.

51) ראשית חכמה שער הקדושה ספט״ו. של״ה שער האותיות אות ק (פב, ב). שו״ע אדה״ז או״ח סס״א ס״ה. סק״א ס״ג. וראה ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 63 ואילך. וש״נ. תרצ״ז ע׳ 257. תש״ד ע׳ 95. לקמן ע׳ 32.

52) בהנחה בלתי מוגה: מען האָט דאַמאָלסט [בשנת תרנ״ג] פאַבראַכט שעות ארוכות מיט דעם וואָרט.

53) ראה גם ספר השיחות תרצ״א ס״ע 180 ואילך. לעיל ע׳ 11. לקמן ע׳ 27. ע׳ 31. שיחת י״ט כסלו שנה זו ס״ב. פורים שנה זו ס״ה.

54) ראה לעיל שם. ע׳ 15. שיחת ליל שמח״ת שנה זו ס״ו. ס״ח ואילך. ליל שבת בראשית שנה זו ס״ה.

55) ראה גם ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 365.

יח. עבודת התפלה איז דער אור המאיר פון עבודת החסידים, אין גשמיות זעהען מיר אַז אַ מאַשין וואָס בריינגט ליכטיקייט און איר פעלט גאָרנישט נאָר מיט אַמאָל הויבט זי אָן צו סקריפּען[56], אַ שרייפעלע איז קרום פאַרשרויפט, די שרייפעלע פעלט ניט זי איז דאָ נאָר זי איז קרום פאַרשרויפט, דאַרף מען דאָך האָבן אַ גרויסן אומן ער זאָל קענען אויסגעפינען וואו איז דער עיקום וואָס שטערט די ליכטיקייט.

דער נמשל איז מובן לכל אין עבודה הרוחנית. עס איז פאַראַן אַזעלכער וואָס אים פעלט גאָרנישט, ער איז אַ למדן, אַ ירא שמים, איז אויך אַ בעל מדות טובות, די עבודה מאַשין אַרבעט, אָבער עס איז לעילא פון זיין מדריגה[57]. ער מיינט ניט ח״ו אויסצונאַרן אָדער לייַגען, ער וויל זייער טאָן אין עבודה אָבער ער ווייס ניט זיין ריכטיקן מצב. און אַ חסידישער פאַר־ברייינגען עפענט אים די אויגן אויף זיין מעמד ומצב און ער געפינט דעם ריכטיקן דרך אין עבודת התפלה.

יט. החסיד[58] הרב ר׳ גרשון דוב נ״ע[59] איז געוועזן מורגל צו זאָגן נאָך אַ עבוד־ה׳דיקער קריאת שמע שעל המטה, עס לייַגט זיך, עס ווילט זיך ניט לייַגען נאָר עס לייַגט זיך[60]. מען בעדאַרף אויפשטיין גאָר אַ אַנדערער[61].

נאָך אַזאַ עבודה אין ק״ש שעל המטה שלאָפט מען אַנדערש[62] און מען שטייט אויף אַנדערש, און בפרט אין די זמנים וואָס די האַרץ איז פאַרמאַכט און די קאָפּ איז פאַרשטאָפּט, וואָלטן די חסידישע עבודה פתגמים עפענען די האַרץ און בעלייכטן די קאָפּ[63].

כ. שמחת בית השואבה, שמשם היו שואבין רוח הקדש[64], יונה בן אמיתי איז געוואָרן אַ נביא פון שמחת בית השואבה[64], עס איז דאָ וואָס צו שעפּן און וועער עס זאָל שעפּן, כל אחד לפי ערכו.

כא. חסידים ווייסן ניט ווי אָפּצודאַנ־קען דעם אויבערשטן פאַר דעם והבדילנו מן התועים[65], דעם אַלטן רבי׳נס חסידים האָבן זיך זייער שטאַרק געקאָכט אין

56) = לחרוק.

57) ראה לקמן ע׳ 24. שיחת ליל שמח״ת שנה זו ס״ט.

58) בהנחה בלתי מוגה: (פנה להרב ר׳ שמואל [לעוויטין]*:) ווי אַייער זיידע (רג״ד) פלעגט זאָגן.

59) החסיד ר׳ גרשון דובער מפּאַהאַר. תקפ״ה (לערך) – תרנ״ח. תלמידו של ר׳ הלל מפּאַריטש. ראה אודותיו – מאמר „אבות החסידות״ בקובץ „התמים״ חוברת ה ע׳ לח (רלא, ב) ואילך. חוברת ז ע׳ מז (שמב, א) ואילך. חוברת ח ע׳ לז (שצה, א) ואילך. ספר השיחות תרפ״ה ס״ע 81 ואילך. תרצ״ג ע׳ 79. תרצ״ו ע׳ 25 ואילך. קייץ ה׳ש״ת ע׳ 26. תש״א ס״ע 53 ואילך. תש״ו ע׳ 9. תש״ח ע׳ 235 ואילך.

*) ראה אודותיו — לעיל ע׳ 100.

60) ראה ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 120.

61) ראה אגרות־קודש חי״ג ריש ע׳ תלו. ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 354. תש״ו ע׳ 55. תש״ז ע׳ 72. ס״ע 117. תש״ח ע׳ 179. תש״ט ע׳ 305. ס״ע 327. ע׳ 328. ה׳שי״ת ריש ע׳ 364. שיחת ל״ג בעומר ה׳שי״ת (תו״מ ע׳ 65). יום א׳ דחוה״מ סוכות תשי״א (תו״מ ח״א ע׳ 21). וראה ספר השיחות תש״ז ע׳ 99. תש״ט ע׳ 290.

62) ראה גם ספר השיחות תרצ״ז ס״ע 243.

63) בהנחה בלתי מוגה: מען האָט געדאַרפט האָבען צייט צו פאַרשרייבען די פתגמים וואָס מען האָט אַמאָהל געהערט. עס וואָלט פשוט מחי׳ געוועזן. מיט אַ ענין קען מען דאַוונען אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, אַ חודש, אָבער מיט אַ וואָרט קען מען דאָך לעבען אַ גאַנצען יאָהר בפו״מ. אַ וואָרט איז דאָך קלאָר ווי מ׳איז אין עבודה און גלייכט אויס אַ מידה. – ראה שיחת ש״פ נח שנה זו (ספר השיחות תש״ו ע׳ 9).

64) ירושלמי סוכה פ״ה ה״א.

65) נוסח „ובא לציון גואל״. וראה גם שיחת ליל שמע״צ שנה זו ס״א.

**דעם ניגון והבדילנו מן התועים און אַ סך געטאַנצט מיט דעם ניגון[66].**

**נאָך פעטערבורג[67] האָט מען געאסר׳ט צו זינגען דעם ניגון במשך פון זעקס יאָר[66].**

**אָבער דעם אמת דאַרפן חסידים וויסן.**

**עס איז אפילו באַ חסידים אויך פאַראַן תועים, אָבער עס איז אַ חסידישער תועים.**

**כב. השי״ת זאָל אונז אַלעמען אויס־היטן, און מיר אַלע מיט אונזערע בני בית יחיו, זאָלן זיך פירן און לעבן בדרכי החסידות ווי הוד כ״ק אבותינו רבותינו הק׳ זצוקללה״ה נבג״ם זי״ע האָבן מייסד געווען.**

66) ראה גם ספר השיחות תרח״ץ ע׳ 286. אגרות־קודש שבהערה הבאה.

67) נאָך פעטערבורג: על מילים אלו העיר כ״ק אדמו״ר ברשימת ההנחה: „לברר מכ׳ לאח״א [= לר׳ אליהו חיים אַלטהויז] צ״ח פאַריז״ [אגרות־קודש ח״ד ע׳ ש ואילך].

## ליל ב׳ דחה״ס, בסעודה

א. דער אַלטער רבי זייענדיק באַ זיין פאָטער אויפן ישוב[1], האָט אים זיין פאָטער הצדיק ר׳ ברוך זצ״ל[2] מדריך געווען על פי הוראת מורינו הבעש״ט נ״ע, נאָר דער בעש״ט האָט שטאַרק מז־היר געווען ר׳ ברוך׳ן ער זאָל ניט דער־ציילן דעם אַלטן רבי׳ן וועגן אים[3], און אַז ר׳ ברוך אַליין זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיין חינוך[4].

איינער פון די יסודות אין דעם סדר החינוך וואָס דער בעש״ט האָט איבער־געגעבן הצדיק ר׳ ברוך׳ן פאַר דעם חינוך פון דעם אַלטן רבי׳ן איז געווען אהבת ישראל.

דער בעש״ט האָט געזאָגט ר׳ ברוך׳ן אַז בני תורה בעדאַרפן זיך לערנען די אמת׳קייט פון אהבת השם און יראת השם פון די פשוטע אידן, וואָס זייער גאַנצע פירונג אין אַלע זייערע ענינים, הן גשמיים פון פרנסה און הנהגת הבית און הן רוחניים פון הערן אַ דין אָדער אַ תורה סיפור, איז דאָס מצד אמונה בהשי״ת ובתורתו הק׳ וואָס קומט פון עצם הנשמה[5].

אַ גרויסע השפעה אין דעם חינוך פון אַלטן רבי׳ן האָבן געהאַט די אָפּט דורכגייענדע תלמידי חכמים, צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געגעסן נאָר דאָס וואָס זיי האָבן אַליין פאַרדינט ביגיעת כפים, און בשום אופן ניט געוואָלט נהנה זיין משולחן אחרים, און זייענדיג גרויסע למדנים האָבן זיי גערעט אין דעם גודל המעלה פון די וואָס זיינען נהנה מיגיע כפיהם[6].

ב. די[7] אָפטע באַזוכן פון די תלמידי מורנו הבעש״ט און זייערע שמועסן וועגן די מעלות פון אנשים פשוטים, וועגן זייער מסירות נפש׳דיקער אמונה פשוטה בה׳ ותורתו, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם חינוך שטייגער אין אהבת ישראל פון דעם אַלטן רבין.

דער שטייגער לעבן אין ר׳ ברוך׳ס הויז אין הכנסת אורחים, די אָפטע בעזוכן פון די תלמידי חכמים, תלמידי מורנו הבעש״ט, און די בעזוכן פון דעם פעטער הגאון ר׳ יוסף יצחק[8] און דער שטייגער דאַוונען און דעם דרך הקירוב פון פשו־טע אידן וואָס דער אַלטער רבי האָט געזעהען ווען ער האָט געלערנט אין ליובאַוויטש[9] באַ הגאון ר׳ יששכר דוב

1) ראה ספר השיחות תש״ב ע׳ 150. תש״ד ע׳ 118.

2) ראה אודותיו – ספר הזכרונות ח״א פרק י־כג. כז־כח. ל־לא. לד־לו. מ. מח. נב־סא. ח״ב הקדמה פרק ב־ג. סב. סד. סז. ע־פ. צד. צט. קז. קטו. קיח־קכ. קכד. קל־קלא. קלז. ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 50. וש״נ.

3) ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 132.

4) ראה ספר השיחות שם ע׳ 129 ואילך.

5) ראה גם ספר השיחות תרפ״ט ס״ע 26 ואילך. תרצ״ד ע׳ 258 ואילך. תרצ״ו ע׳ 90 ואילך.

6) ראה גם ספר השיחות תש״ב ע׳ 18. תש״ג ע׳ 12.

7) בהבא לקמן – ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 131.

8) בעלה של דבורה לאה אחות ר׳ ברוך. ראה אודותיו – ספר הזכרונות ח״א פרק יז. יט. כג. כז. ח״ב פרק סז. עט. צד־צה. צט־ר. קב. קד־קח. קטו. קיט. קל־קלא. קלז. ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 125. תש״ה ע׳ 127. ע׳ 132 ואילך. לקמן ע׳ 28 ואילך. תש״ז ע׳ 68. תש״ט ריש ע׳ 296. ע׳ 297.

9) ראה רשימת רבינו „אופן ההשתלשלות בהתייסדות חסידות חב״ד דור ראשון, דור שני" (קה״ת, תשס״ט) ס״ע י ואילך. ספר השיחות תרצ״א ריש ע׳ 174. תרצ״ג ע׳ 192. תרצ״ד ע׳ 348.

זצ״ל קאָבילניקער[10], האָבן געהאַט די גרעסטע השפעה אויף זיין הנהגה מיט די פשוטע אידן.

ווען דער אַלטער רבי איז געוואָרן אַ איידעם באַ דעם גביר ר׳ יהודה ליב סג״ל[11] אין וויטעבסק, האָט ער זיין נדן אָפּגעגעבן אויף מסדר צו זיין אידן אין דער פרנסה פון עבודת אדמה[12].

דאָס רוב בעלי עסקים וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט עבודת אדמה זיינען גע־ווען פשוטע אידן, וואָס דער אַלטער רבי אַלס אַ חסידישער מחונך האָט זיי זייער שטאַרק מכבד געווען.

ג. אַ שטאַרקע השפעה אויף דעם מהלך רוח פון דעם אַלטן רבי׳ן האָט געהאַט זאַיין פעטער הגאון ר׳ יוסף יצחק, וואָס האָט דעם רבי׳ן לאָט לאט בעקאַנט געמאַכט די שיטת הבעש״ט נ״ע אין אהבת ישראל[3].

דעם למוד הקבלה און סדר העבודה אין עבודת התפלה האָט דער אַלטער רבי מקבל געווען פון זיין פעטער הגאון הרב רי״י[3], און על פי עצתו, האָט דער אַלטער רבי צוזאַמענגעקליבן אַ קבוצה מיוחדה פון די יונגע לייט לומדים מופ־לגים וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט נגלה, און האָט די קבוצה מיוחדה מחנך געווען בדרכי החסידות.

דער רבי צמח צדק האָט דערציילט דעם זיידן כ״ק אדמו״ר מוהר״ש, אַז רבינו הזקן האָט איהם גיזאָגט, אַז דער מעזריטשער מגיד האָט אים געמאַכט ליכטיג מיט די מעלות דרכי החסידות און אהבת השם און יראת השם וואָס פשוטע אידן פאַרמאָגן, און ווי דער בעש״ט איז דאָס מבאר, איז דאָס מצד אמונה פשוטה אין עצמות א״ס וואָס שכל קען דאָס ניט בעגרייפן.

ד. איך האָב אַייך דערציילט[13] וואָס איך האָב מקבל גיווען מהוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, אַז אַ משך זמן האָט דער אַלטער רבי מעלים געווען וואו ער איז געווען, און אַז דער רבי האָט מרגיש געווען אַז די תלמידים זיינען שוין ראוי מען זאָל זיי מגלה זיין, האָט דער רבי מגלה געווען אַז ער איז געווען אין מעזריטש ביים מגיד, און האָט זיי מבאר גיווען די הנהגות יסודיות פון עבודת השם על פי שיטת מורנו הבעש״ט נ״ע.

וועגן דעם דרך הבעש״ט נ״ע אָפּצו־געבן זיך מיט דער הדרכה פון פשוט׳ע אידן, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט:

אַ פשוט׳ער איד וואָס איז מקיים תורה ומצות ווייל אַזוי הייסט השי״ת איז אַזאַ חשוב למעלה, אַז גאָר גרויסע יודעי תורה בעדאַרפן זיך שעמען פאַר אים אַז עס זאָל די יודעי תורה צוברעכן, אַ פּראָסטער חסידישער איד איז דער גרעסטער לעבעדיקער מוסר ספר[14].

ווען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט מסיים זיין דעם סיפור ווי דער אַלטער רבי האָט מגלה געווען זיינע מחונכים די מעלה פון אנשים פשוטים, פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר זאָגן:

צו דער הערן די מעלה פון אנשים

10) נפטר כ״ב שבט תקנ״ד. ראה אודותיו — רשימת רבינו הנ״ל ע׳ יא. ספר הזכרונות ח״א פרק ז ואילך. ספר השיחות תרצ״א ע׳ 174. תרצ״ד ע׳ 348. תש״ח ע׳ 230.

11) ראה אודותיו — רשימת רבינו הנ״ל ע׳ ח. „דברי ימי חיי אדמו״ר הזקן״ (קה״ת, תשע״א) ע׳ כ ואילך.

12) ראה רשימת רבינו „דברי ימי חיי אדמו״ר הזקן״ ע׳ יג ואילך. אגרות־קודש ח״ו ע׳ תיח. ח״ט ע׳ נז. ספר השיחות תש״ה ע׳ 131.

13) ראה לעיל ע׳ 9 ואילך.

14) ראה גם ספר השיחות תרצ״ה ע׳ 486 ואילך.

פשוטים מצד הנשמה קען נאָר דערהערן אַ נשמה[15] דאצילות[16].

ה. אַז דער צמח צדק איז געווען אַ קינד, פלעגט ער שלאָפן אין אַ צימער לעבן דעם אַלטן רבי׳נס חדר[17], וואו דער רבי פלעגט דאַוונען און לערנען און אָפּריכטן תקון חצות.

אָפּטמאָל פלעגט דער רבי צמח צדק הערן ווי דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן[18]:

רבונו של עולם, איך דאַרף ניט דיין גן עדן התחתון, איך וויל ניט דיין גן עדן העליון, איך וויל דיך אַליין, ניט מצד קבלת שכר, נאָר דו זאָלסט מיר מצליח זיין אויף להשלים דיין כוונה אין מיין ירידת הנשמה בגוף אויסצופירן מיין שליחות.

דער אַלטער רבי האָט געוואוסט ווער ער איז[19].

ו. חסידות מאָנט עבודה בפועל.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גע־זאָגט:

עבודת החסידים איז אַ מקור חיים.

די התחלה פון עבודת החסידות איז ניט צו נאַרן זיך[20], מען בעדאַרף וויסן וואָס מען האָט אָפּגעטאָן אין דעם תיקון המדות און וואָס מען בעדאַרף נאָך אויפטאָן[21].

תלמידי התמימים בעדאַרפן וויסן אַז די ישיבה תומכי תמימים ליובאַוויטש האָט ב״ה מצליח גיועהן, און האָט גאָר אַפּולע אויפגיטאָן אין הנהגה ביראת שמים, הן אין זייערע אייגענע הנהגות, און הן אין די הנהגות פון זייערע היי־מען, און הן אין דער הנהגה כללית פון

15) ראה לעיל ס״ע 7 ואילך. וש״נ.

16) בהנחה בלתי מוגה: דער אַלטער רבי דעם ערשטען יאָהר נאָך די חתונה זייענדיג אין וויטעבסק אצל חותנו, איז ער געווען זעהר פאַרנומען מיט זיך, און איז געווען אַ מתמיד גדול בלימוד. אַן עם הארץ האָט ער עפ״י הגמרא ניט האָלט געהאַט און פלעגט זיך מיט זיי ניט אָבגעבען.

אַז ער איז געגאַנגען אין מעזריטש, איז כידוע* די ערשטע דריי חדשים האָט ער זיך געוואַקעלט, געווען אין ספקות צי ער זאָל בלייבען דאָרט, נאָך דריי חדשים האָט ער געהערט פון הה״מ, אַז דער בעש״ט האָט זעהר מקרב געווען אנשים פשוטים און אויפגעוויזין די גרויסע מעלה אין זיי.

קומענדיג אַהיים האָט מען אָנגעהויבען זעהן די הנהגה פון אַלטען רבי׳ן אין דעם פרט אַ שינוי, און ער פלעגט זיך שטאַרק אָבגעבען מיט אנשים פשוטים, האָט מען איהם געפרעגט וואָס דאָס איז, האָט ער גיענפערט: אַ פשוט למטה און אַזאַ חשוב למעלה, דאַרף מען זיך דאָך שעמען פאַר איהם, אַז עס זאָל עם אין גאַנצען צוברעכען, עס איז דאָך דער גרעסטער מוסר ספר, אַ לעבעדיגער מוסר ספר. דאָס צו דערהערין קען נאָר אַ נשמה דאצי׳.

17) ראה ספר השיחות תרצ״ג ריש ע׳ 180.

18) דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן: ראה סהמ״צ להצ״צ קלח, סע״א (הועתק ב„היום יום״ יח כסלו): „וכך הי׳ נשמע הלשון ממורינו ורבינו נ״ע [אדמו״ר הזקן] בדביקותו, שהי׳ אומר בזה״ל איך וויל זע גאָר ניסט, איך וויל ניט דאַיין ג״ע איך וויל ניט דאַיין עוה״ב כו׳ איך וויל מער ניט אַז דיך אַליין״, „דפירוש הי׳ נשמע הוא שזה הי׳ לא רק בזמנים מיוחדים אלא שזה הי׳ דבר הרגיל״ (ד״ה ואתה תצוה תשמ״א (סה״מ מלוקט ח״ו ע׳ קלה. בהוצאה החדשה — ח״ג ע׳ מ)). בספר השיחות תש״ה ע׳ 121: „הוד כ״ק רבינו הזקן פלעגט זאָגן״. בשיחת י״ט כסלו שנה זו (לקמן ע׳ 100): „והי׳ מרגלא בפומי׳״. וראה גם סה״מ תש״ד ס״ע 256. ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 250.

19) ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 131 ואילך.

20) ראה ספר השיחות תרצ״א ע׳ 183 ואילך. תרצ״ז ע׳ 260. תרח״ץ ע׳ 306. לעיל ס״ע 18 ואילך. ע׳ 20. לקמן ע׳ 27. ע׳ 31. שיחת ליל שמח״ת שנה זו ס״ט.

21) בהנחה בלתי מוגה: הגם אַז מען ווייס וואָס מען האָט אָפּגעטאָן, איז דאָך דאָס מְרַוֶה און נעמט צו דעם חיות פנימי, אָבער דער אמת איז, אַז דאָס וואָס מען האָט אָפּגעטאָן איז ניט בערך צו דעם וואָס מען קען און בעדאַרף נאָך אויפטאָן.

*) ראה ספר השיחות תרח״ץ ע׳ 297. תש״ה ע׳ 52.

אַ לומד תורה בכלל, און אַ תלמיד פון אַ ישיבה בפרט.

די אַייזן פעסטע יראת שמים הנהגה — ברוך השם — פון די תלמידי ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש מיט זייער גרייסער יראת שמים השפעה אויף זייערע בני בית אין הנהגה דיראת שמים האָט דאָס ב״ה גיווירקט אין דער אידע־שער גאַס בכלל, און האָט ב״ה גיווירקט אַ התעוררות בעת אַז כבוד הרבנים הגאונים זיינען מעורר אויף הנהגה טובה ביראת שמים און חינוך אין מוסדות התורה, און עס האָט גיווירקט אויף דעם עדת ישראל בארצות הברית אַז זיי האָבין ב״ה אַ אזן שומעת[22] אויפנעמען די הוראות פון כבוד הרבנים הגאונים יחיו.

אָבער איהר תלמידי ישיבת תומכי תמימים ליובאַוויטש בעדאַרפט ויסין, אַז דאָס וואָס די הנהגת ישיבת תומכי תמי־מים ליובאַוויטש האָט בעזה״י ביז איצט אויפגעטאָן, איז דאָס ניט מער ווי דאָס וואָס מען האָט צוגעפירט צו דעם ווי עס בעדאַרף זיין, בערד פיאות, אידן זאָלן ויסן אַז עס איז דאָ אַ מנהיג העולם, השגחה פרטית[23].

השי״ת זאָהל אונז און אַייך תלמידי התמימים וידידנו אנ״ש יחיו, וואָס זיינען מסורים אין עבודה להאיר אור תורה ומצות, געבין אונז אַלעמען אַ הצלחה אלקית, אַז מיר אַלע זאָהלין זוכה זיין דורך פיהרין די כוונה עליונה, מאַכין די קאַלטע גשמיות שטורעמדיקע אַמעריקא פאַר אַ ארץ ברוכה אויך אין שמירת התורה והמצוה.

ז. אַז מען בעטראַכט זיך אויף וואָס מען האָט אונז געשיקט אַהער, מיר אַלע זיינען דאָך געקומען אַהער מיט אַ שליחות — אויף צו גראָבן קאַנאַוועס[24] שיקט מען ניט קיין גענעראַל, ניט קיין בעלי מוחין אָדער בעלי לב, נאָר פשוטע שטאַרקע מענשן מיט גראָבע הענט און פיס וואָס טויגין זעך צו דער אַרבעט[25].

אָבער באמת בעדאַרפין מיר פאַרשטיין אַז די השגחה עליונה ב״ה האָט אונז געבראַכט אַהער, אויף דער רוחניות׳די־קער חיזוק לימוד התורה ביראת שמים אַרבעט, האָבין מיר די כחות רוחניים אויף אויספיהרין די שליחות קד[ו]שה, בעדאַרפין מיר פרייליך זיין, און האָפין להשי״ת אַז הוא יתברך וועט ערפרייען אונזערע צובראָכענע הערצער פון דעם צרות הפרט און צרות הכלל.

איך האָב שוין מערערע מאָל דער־ציילט[26] וואָס מורי הרשב״ץ[27] איז געווען מורגל צו דערציילן אַ משל,

איינער וואָס זיין פרנסה איז געווען פאָרן אויף חתונות צו שפילן אויף אַ כלי זמר. ער פלעגט שפילן אויף אַ פידל און זיינער אַ זון פלעגט קלאַפּן אויף אַ פייקל[28], און ווען די מחותנים פלעגן גיין אַ טאַנץ, פלעגט דער פייקלער[28] דאַרפן אויסקלאַפּן אויפן פייקל אַ ניגון וואָס האָט בעדאַרפט הויבן די פרעהליכע

---

22) ע״פ משלי טו, לא. וראה לעיל ס״ע 5 ואילך. וש״נ.

23) בהנחה בלתי מוגה: אמונה פשוטה איז דאָ ביי יעדען, אָבער ידיעה אין אמונה וכו׳. אָבער עס איז נאָך דאָ זעהר פיעל אויפצוטאָן.

24) = תעלות.

25) בהעתקה עם הגהות: און דערצו אַז מען איז נאָך חלושים, און נאָך אַלעמען דאַרף מען זיין פרעהליך אויך. אבל בההגהות נשמט.

26) ראה ספר השיחות תרפ״ז ע׳ 118.

27) החסיד ר׳ שמואל בצלאל ב״ר שלום שבתי שעפטל. ראה תולדותיו בקובץ „התמים״ חוברת א ע׳ סז (לה, א) ואילך. וראה גם ספר השיחות תרפ״ב ע׳ 29. תרצ״ו ע׳ 4. ע׳ 10. תש״ו ע׳ 12. וש״נ. תש״ז ס״ע 136 ואילך.

28) פייקל . . פייקלער: = תּוֹף . . תַּפָּף.

שטימונג פון די טענצער מיט דעם אויסרוף, פרעהלעכער פרעהלעכער!

איינמאָל, ווען דער עולם איז אַוועק אין אַ פרעהלעכען טאַנץ, און אויפן טיש זיינען געשטאַנען משקה מיט פאַרשידענע פאַרבייסנס, האָט דער יונגער פייקלער[29] גענומען עפּעס טועם זיין. דער פאָטער, דערזעהענדיג אַז דער פייקלער איז שטיל געוואָרן, און מורא האָבנדיק אַז די מחותנים וועלן אויפהערן טאַנצן, האָט געגעבן דעם זון אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש, דער זון האָט שטאַרק געוויינט, און בשעת מעשה געקלאַפּט אויפן פייקל און געזונגען פרעהלעכער, פרעהלעכער.

מען בעדאַרף שרייען פרעהלעכער, פרעהלעכער, אָבער די האַרץ וויינט אויף דעם גרויסן בראָך וואָס האָט אונז אידן געטראָפן. מיר אַלע, איבערגעבליבענע אידן, בעדאַרפן תשובה טאָן און ווערן פרימער, ניט פאַרלאָזן זיך ח״ו אויף דעם בזרוע׳דיקן כח פון מחללי הדת[30], נאָר בעטן באַ השי״ת אַז ער ב״ה זאָל ברחמיו מקבץ זיין דעם שארית הפליטה בגאולה שלמה על ידי משיח צדקנו און ברייגנען אונז לארצנו הקדושה.

ח. דער אַלטער רבי איז געווען אַ גבור בגופו הקדוש[31], כידוע המעשה, אַז ווען ער איז געגאַנגען אין מעזריטש, איז ער אַמאָל געקומען אין אַ קרעטשמע[32] און האָט געוואָלט דאָרטן דאַוונען, האָט דער קרעטשמער געבעטן דעם רבין ער זאָל דאַוונען אין שפייכלער[33] וואו ער האַלט די שפּייז.

ווען דער אַלטער רבי האָט אָנגעטאָן דעם טלית ותפילין, האָט דער קרעטשמער אַרויסגענומען פערשידענע שפּייזן וואָס ער האָט בעדאַרפט פאַר דער קרעטשמע, בכדי ער זאָל ניט דאַרפן מבלבל זיין דעם אַלטן רבין אין דאַוונען.

דער קרעטשמער האָט ניט באַמערקט אַז דער רבי האַלט די האַנט אויף דער פריטאָלקע[34], און צומאַכענדיק די טיר, האָט ער צוגעדריקט דעם רבי׳נס צווי פינגער[35] — קמיצה וזרת — און דער רבי האָט ווייטער געדאַוונט, דאָס איז געווען ניט מצד רוחניות נאָר פשוט מצד גבורה, ווייל ער איז געווען אַ גבור, ווי עס איז ידוע, אַז אַ גבור קען אויסהאַלטן אַ גרויסן ווייטאָג מער ווי אַ חלוש אַ קליינעם ווייטאָג.

ט. דער זיידע — כ״ק אדמו״ר הרה״ק מוהר״ש — האָט דערציילט להוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק וואָס ער האָט געהערט אויף אַ יחידות ביי זיין פאָטער דער רבי צמח צדק:

די וועלט נאַרט זיך אין דעם שווער — כ״ק אדמו״ר האמצעי — די וועלט מיינט אַז די אריכות הלשון אין זיינע חסידות, וואָס אין ריידן איז געווען נאָך מער ווי אין כתב[36], אַז דאָס זיינען שמות נרדפים. דער אמת איז ניט אַזוי, יעדער תואר איז אַ שיטה אין קבלה.

דער זיידע — כ״ק אדמו״ר הזקן — האָט

---

29) בכתי״ק: איבער גיגאַיינגען די האַרץ פון דעם טיש גוטע זאַכין האָט ער [ההמשך בפנים].

30) ראה גם אגרות־קודש ח״ו ע׳ קצב. ע׳ שסה.

31) ראה ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 143.

32) בהנחה בלתי מוגה: ושם הי׳ רק חדר אחד וגם יולדת היתה בחדר.

33) שפייכלער [בכתי״ק: קלאַדאָווקע]: = מְזָוֶה.

34) פריטאָלקע: [בהנחה בלתי מוגה]: מזוזת הפתח.

35) בהנחה בלתי מוגה: כ״ק אדמו״ר שליט״א הראה על אצבעיו, והמשמעות הי׳ שהי׳ ניכר תמיד אצל אדמוה״ז על ב׳ האצבעות, קמיצה וזרת, שהם חתוכים.

36) ראה גם ספר השיחות תרצ״ה ע׳ 485.

מיך געבענטשט איך זאָל מצליח זיין אין לימוד הנגלה און לימוד הקבלה[37], און ב״ה דעם זיידענס ברכה האָט מצליח געווען, איך בין קלאָר כתבי האריז״ל[38], איז דאָס ניט בערך ווי דער שווער איז גיווען קלאָהר, באַ דעם שווער איז גיווען כתבי האריז״ל ווי אַ ספר פתוח לנגד עיני קדשו.

י. דער שווער – הוד כ״ק אדמו״ר האמצעי – האָט געזאָגט:

דער טאַטע – הוד כ״ק אדמו״ר הזקן – איז געווען אַ לב נשבר באמת לאמתו פון דעם פחד ה׳ לנגד עיניו, עס זאָל ניט זיין אַ נטי׳ אין עבודה, ביז ער איז צוגעקומען צום שם הוי׳ דלעילא[39], איז דער זיידע נתיישב געוואָרן און געזאָגט, געלויבט השי״ת די שליחות האָט זיך שוין אָפּגעטאָן, וואָס וועט זיין מיט מיר ווייס איך ניט, יעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאסר פון פּעטערבורג.

יא. מען טאָר ניט זיין געגאַרט אין דעם אייגענעם רוחניות׳דיקן צושטאַנד[40], די וועלט זאָגט „מאנעלע נאַר״, אַז מען איז ניט קיין מאנעלע, איז מען נאָך אויך ניט קיין חכם, מען קען זיין אַ גאַנץ פיינער שוטה.

מען דאַרף טאָן מיט זיך און מען דאַרף

37) ראה שיחת י״ט כסלו שנה זו ס״א.

38) בהנחה בלתי מוגה: קיין אות איז ניט נשמט.

39) צום שם הוי׳ דלעילא: בכתי״ק: צו דעם מספר שנים פון שם הוי׳, שם הוי׳ דלעילא, דאַן ערשט איז דער רבי נתיישב געוואָרען [ההמשך בפנים]. – ראה גם לעיל ריש ע׳ 16. שיחת י״ט כסלו שנה זו ס״א.

40) ראה לעיל ע׳ 24.

טאָן מיט יענעם[41], עס דאַרף זיין הא והא, מען דאַרף טאַקע טאָן אַ אידן אַ טובה, אָבער מען דאַרף טאָן מיט זיך, מען דאַרף טאַקע לערנען חסידות, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, מען בעדאַרף האָבן התעסקות התפלה[42], עס איז ניט נוגע וויפל צייט עס געדויערט דער דאַווענען אָבער עס זאָל זיין געדאַוונט[43], מען בעדאַרף לייענען קריאת שמע שעל המטה בכוונה אַז מען שלאָפן ווי אַ איד דאַן איז דער מודה אני אַ חסידות׳ר[44], דאָס הייסט אַ פנימיות לעבעדיקער.

יב. דער אַלטער רבי, דורך זיין עבודה מיט מסירת נפש אויף עבודה בדרך החסידות[45], האָט איבער געגעבן דעם כח צו יעדער חסיד, און וואו ער זאָל ניט זיין און ווי ער זאָל ניט זיין, אויב ער איז נאָר אַ מקושר צו די דרכי עבודה פון חסידות און וועט טאָן אין עבודה בפועל האָט דער אַלטער רבי מבטיח גיווען[46] אַז מען וועט מצליח זיין[47].

41) ראה גם ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 137. ע׳ 140.

42) ראה גם סה״מ תרפ״ט ע׳ שיא. לקו״ש חט״ו ס״ע 96. וש״נ.

43) ראה גם ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 213. שיחת ליל שמח״ת שנה זו הערה 100. י״ט כסלו שנה זו ס״ה.

44) ראה לעיל ע׳ 20.

45) ראה לעיל ע׳ 1. ע׳ 9. ריש ע׳ 16. לקמן ע׳ 30. ע׳ 31. ע׳ 100.

46) ראה לעיל ע׳ 19. וש״נ.

47) בהנחה בלתי מוגה: כ״ק אד״ש אמר לנגן אַ פנימיות׳דיגין, תוכיות׳דיגען ניגון, וענה א׳ מהמסובים, דאַרף מען דאָך פאַרמאָגען פנימיות, וענה כ״ק אד״ש, דאָס זאָגט ניט דער נפש האלקית, דאָס זאָגט אַנאַנדערער (נפש הבהמית), ער מיינט אַז דערמיט וועט ער עפּעס געווינען.

## יום ב׳ דחגה״ס, בסעודה

א. איינע פון די דרכי החסידות וואָס דער בעש״ט נ״ע האָט מייסד געווען איז, אַז בחג הסוכות, שמחת בית השואבה, שמיני עצרת און שמחת תורה פלעגט דער בעש״ט נ״ע פאַרברייינגען און פלעגט שטאַרק מקרב זיין אויך די פשוטע אידן.

דער בעש״ט פלעגט שמחת תורה טיילן לעקאַך און בראָנפן די פראָסטע אידן, און צו הקפות פלעגט ער טאַנצן מיט די פראָסטע אידן בשמחה גדולה אַזוי ווי ער פלעגט טאַנצן מיט זיינע תלמידים הצדיקים הגדולים.

כ״ק אדמו״ר הזקן, זייענדיק אין וויטעבסק נאָך דער חתונה פלעגט דאַוונען אין סידור של״ה מיט כוונ[ו]ת האריז״ל[1], ימים נוראים און ימים טובים פלעגט כ״ק אדמו״ר הזקן דאַוונען מיט דעם פעטער הגאון הרב ר׳ יוסף יצחק׳ס[2] מנין.

הגאון הרי״י איז געווען אַ שטאַרקער בעל בכי. און זיין עבודת התפלה איז בדרך כלל געווען במרירות, מיט אַ פאַרביטערטקייט, און בפרט ימים נוראים איז געווען מורא׳דיק, און ווער עס האָט געהערט זיין דאַוונען, בלי הבדל אַ בן תורה אָדער אַ איש פשוט, איז נתעורר געוואָרן מיט אַ גרויסער התעוררות אין יראת שמים.

חג הסוכות בכלל און שמחת תורה בפרט איז הגאון הרי״י געווען אין אַ אויסערגעוועהנלעכער שמחה, [ער] פלעגט פיל ריידין דברי תורה און דברי מוסר מיט אַ גרינגער דאַייטלעך קלאָהערער אויסשפּראַך, אַז אַלע, אפילו גאָר די פשוטע, זאָהלין אויך פאַרשטיין, אַלע האָבין שטאַרק בעוואונדער[ט] הגרי״י׳ס דאַייטלעך קלאָרע און גרינגע אויסשפּראַך, מיט אַ בעזונדער גוט מוטייקייט פלעגט הגרי״י זיך משמח זיין מיט די גאָר פשוטע אידין.

ב. די גאונים און גרעסטע לומדים אין וויטעבסק זיינען גיועהן תלמידי ווילנא און בריסק, און אַ טייל זיינען גיועהן תלמידי הגר״א זצ״ל, און וויסינדיק אַז הגרי״י איז מתלמידי הבעש״ט והרב המגיד ממעזריטש, און איז אַ גרייסער גאון וואָס דער גר״א האָט זייער גילויבט פאַר די גאוני וויטעבסק דעם ראש ישיבה הגרי״י[3], און האָט אָפּט מאָהל גיזאָ[ג]ט, אַז אַזאַ גאון ובקי מיט אַזאַ שכל הישר איז אפילו אין די פריערדיקע דורות גיווען זייער זעלטין. האָט זיי זייער פאַרדראָסין פאַרוואָס איז הגרי״י מזלזל בכבוד תורתו, און רעהט אין דברי תורה פאַר זיי״י[4], און גייט נאָך מיט זיי״י[4] טאַנצין, אַזאַ חילול כבוד התורה און כבוד תלמיד חכם איז ניט גיהערט גיוואָהרין.

יענעם שמחת תורה האָט הגאון הרי״י

1) ראה ספר השיחות תש״א ע׳ 65. תש״ה ע׳ 132. תש״ז ע׳ 99.

2) בעלה של דבורה לאה אחות ר׳ ברוך. ראה אודותיו — ספר הזכרונות ח״א פרק יז. יט. כג. כז. ח״ב פרק סז. עט. צד־צה. צט־ר. קב. קד־קח. קטו. קיט. קל־קלא. קלז. ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 125. תש״ה ע׳ 127. ע׳ 132 ואילך. לעיל ס״ע 22 ואילך. תש״ז ע׳ 68. תש״ט ריש ע׳ 296. ע׳ 297.

3) ראש הישיבה בוויטעבסק (ראה ב(כמה) מקומות שצויינו בהערה הקודמת).

4) = האנשים פשוטים.

מבאר געווען דעם דרך פון מורנו הבעש״ט נ״ע מקרב צו זיין די פשוטע אידן, וועלכע זיינען מקיים תורה ומצות, ווייל אַזוי איז דער רצון הבורא, אין אַ אריכות'דיקן גאונישן שמועס האָט ער מבאר געווען, אַז יונה בן אמיתי האָט מקבל געווען רוח הקדש בזכות שמחה של מצוה[5], וואָס די שמחה איז באַ פשוטע אידן מער ווי באַ די בני תורה, און פון דאַן אָן האָט דער אַלטער רבי מייסד געווען דעם עדת החסידים אין וויטעבסק מיט יונגע לייט גרויסע לומדים.

ג. דער עלטער זיידע, דער רבי צמח צדק, האָט געזאָגט דעם זיידן, כ״ק אאזמו״ר מוהר״ש, אַז אדמו״ר הזקן האָט מייסד געווען דרכי החסידות על פי הקבלה וואָס דער רבי האָט מקבל געווען פון הגאון הרי״י די הנהגות פון מורנו הבעש״ט נ״ע.

די דריי חדשים פון ח״י אלול[6] ביז י״ט כסלו[7], זיינען די ימי רצון פון תורת החב״ד[8], און יעמאָלט איז דער זמן המוכשר אויף עבודת התפלה על פי תורת החסידות.

ח״י אלול איז דער גליקלעכער טאָג[9] וואָס דער זיידע איז געבאָרן געוואָרן[10].

דער זיידע, וואָס איז אַ נשמה דאצילות[11] וואָס האָט מגלה געווען און מייסד געווען עבודת החסידות, וואָס דאָס איז מרומז אין די ווערטער ח״י אלול. אלול איז אני[12] לדודי ודודי לי[13]. ח״י איז לעבן, דאָס מיינט אַז חסידות שאַפט דעם חיות אין דער ירידת הנשמה בגוף[14].

דער רבי צמח צדק האָט דערציילט דעם זיידן מהר״ש, אַז סוכות פלעגט דער אַלטער רבי אַ סך פאַרברייינגען מיט חסידים באתגליא, און דער עיקר רייד איז געווען די דרכי החסידות אין עבודה שבלב, וואָס דאָס שטעלט חסידים אויף דעם דרך האמת.

ד. דער מיטעלער רבי פלעגט סוכות פאַרברייינגען מיט חסידים, און רובא דרובא איז געווען דער תוכן אַז דער עיקר ענין החסידות איז עבודה שבלב[15]. אין עבודה שבלב איז דער רוח החי׳ פון לעבן על פי חסידות.

ה. דער זיידע מהר״ש האָט דערציילט דעם טאַטן וואָס ער האָט געהערט פון צמח צדק סוכות תר״ה[16]:

---

5) ירושלמי סוכה פ״ה ה״א.

6) יום הולדת את שני המאורות הגדולים, הבעש״ט (בשנת נח״ת) ואדמו״ר הזקן (בשנת קה״ת) — ראה ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 163 ואילך. תש״ג ע׳ 141 ואילך. תש״ה ע׳ 122. ובכ״מ.

7) יום גאולת אדמו״ר הזקן ממאסרו (בשנת תקנ״ט) — פרשת המאסר והגאולה — ראה ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 136 ואילך.

8) ראה גם ספר השיחות תש״ה ע׳ 123. תש״ז ע׳ 88. שיחת יט כסלו שנה זו ס״א. שיחת ש״פ וישב, כא כסלו תשח״י (תו״מ ח״א ס״ע 260 ואילך).

9) ראה גם ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ס״ע 169 ואילך. תש״ה ע׳ 122.

10) ראה הערה 6.

11) ראה לעיל ס״ע 7 ואילך. וש״נ.

12) שיר השירים ו, ג.

13) אבודרהם סדר תפלת ר״ה. פרי עץ חיים שער ר״ה פ״א. שער הפסוקים עה״פ. ועוד.

14) ראה ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 168 ואילך. תש״ה שם ואילך. לקו״ש חי״ט ע׳ 250 ואילך. חכ״ד ע׳ 177 ואילך. חכ״ט ע׳ 161 ואילך. ועוד.

15) ראה גם ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 355. תש״ז ע׳ 86 ואילך.

16) בהנחה בלתי מוגה: דער צמח צדק פלעגט שמחת בית השואבה אַ סך פאַברייינגען אין די יונגע יאָהרען*, אויף די עלטערע יאָהרען פלעגט ער פאַברייינגען נאָר מיט די קינדער, אַמאָל פלעגט מען אַריינלאָזען אויך

*) ראה גם שיחת ליל שמח״ת שנה זו ס״א.

דער זיידע[17] איז מבאר דריי מדריגות אין חכמה, חכמה דבי"ע, חכמה דאצילות און חכמה שבעצמות א"ס[18]. און דאָס איז געווען די מדריגה פון דעם זיידן, חכמה דאצילות[19], אין די העכסטע דרגות ווי עס איז מלובש אין אַ גוף דאָ למטה. מ"מ האָט דער זיידע דאָס אַלץ אַוועקגעלייגט בכדי אַז אַ איד זאָל האָבן אַ פאַרשטאַנד אין עצמות הנשמה. השגה איז דאָך התגלות, זיינען ניט אַלע שייך צו דעם, אָבער עצם הנשמה האָט דאָך יעדערער, האָט דער זיידע געוואָלט אַז אידן זאָלן האָבן אַ ידיעה אין דעם.

עצמות א"ס וועט זיך ביז ביאת המשיח ניט אויסצאָלן דעם שכר המסירת נפש וואָס ער ב"ה איז שולדיג דער נשמה פון דעם אַלטן רבי'ן פאַר זיין עבודה אַז אידן זאָלן האָבן מסירת נפש אויף עבודת החסידות.

ו. עס איז מצער, עס איז אַ שטאַרקער צער וואָס חסידים זיינען באַ זיך אַראָפּגעפאַלן מיט אַ פאַרביטערטקייט וואָס איז נוגע אין עצם.

עס איז זעהר מצער די פאַרביטערטקייט פון די חסידישע קינדער, עס איז ניט וואָס זיי נעמען זיך איבער, עס איז דאָ אַ יסוד צו די פאַרביטערטקייט, אָבער מכל מקום טוט זעהר וויי אויב דאָס איז מונע צו דער עבודה אין דרכי החסידות וואָס מען דאַרף טאָן.

מען בעדאַרף וויסן אַז אויף דעם איז מען אַ חסיד, להסיר כל העגמת נפש מהלב און טאָן וואָס מען דאַרף טאָן מיט אַ חיות פון יהי' מה שיהי'[20] אַ חיות אין עבודה בפועל מוז מען האָבן.

דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז די ביטערקייט זאָל ווערן זיס, אָבער דאָס דאַרף ניט זיין קיין מונע פון טאָן מיט יענעם און פון טאָן מיט זיך.

מען בעדאַרף מאַכן אַ ליכטיקע חסידישע סביבה און כלל ניט נתפעל ווערן, אדרבה מען בעדאַרף זיי מקרב זיין, אידן האָבן דאָך אַ נקודת הלב, דאָס פינטעלע איד, און די נקודת הלב פון אַ אידן איז דער אמת'ר רוחניות'דיקער לעבן, בעדאַרף אַ בן תורה לייגען כוחות אויף צו מגלה זיין די כחות פנימיים באַ די פּראָסטע אידן וועט ווערן באַ אידן ליכטיק מיט דעם אור התורה ומצות מיט מדות טובות[21].

דער אויבערשטער איז זייער אַ סך שולדיג דעם דור, אָבער מיר זיינען אויך ניט אין אָרדנונג, מען דאַרף זעהן מען זאָל זיין אין אָרדנונג.

דאָס איז די אויפגאַבע פון די תלמידי הישיבות בכלל און תלמידי ישיבת תומכי

עטליכע פון די עלטערע חסידים.

אַמאָל ביי אַ פאַברייניגען שמחת בית השואבה האָט דער צמח צדק געזאָגט: [ההמשך בפנים].

17) אדמו"ר הזקן.

18) ראה דרך חיים לח, ד.

19) ראה ספר השיחות תש"ו ע' 27 ואילך.

20) בהנחה בלתי מוגה: „בִּיט פָּאטְשֶׁעמוּ", כפי הפתגם המורגל בפי כ"ק אאמו"ר נ"ע.

21) בהנחה בלתי מוגה: מען דאַרף ניט נתפעל ווערען פון דער סביבה, מיר זיינען ניט קיין אַמעריקאַנער, מיר זיינען היימיגע אידען, ניטאָ פון וועמען צו נתפעל ווערען פון דעם וואָס מען וועט זאָגען אַזוי, אָדער אַזוי, ווער עלטערע בשנים, מיט אַ באָרד, אָהן אַ באָרד, וואָס – זיי זיינען דאָך כקטן בלי דעת, ניט כקטן, נאָר טאַקע קטן בלי דעת, זיי דאַרף מען דאָס ניט זאָגען, מען דאַרף זיי ניט מדחה זיין, אָבער צו רעכענען זיך מיט זייער דיעה איז דאָך ניט שייכות. עס איז דאָך גאָרנישט, טויזענד גאָרנישטען איז דאָך גלייך מיט איין גאָרנישט אויב עס איז ניטאָ קיין איינס, אין אַ זאַך איז שייך אַ ריבוי, אָבער אין גאָרנישט איז דאָך ניט שייך וכו'. און אויב מען ווערט יע נתפעל פון זיי, פאַרשטייט מען דאָך וואָס פאַר אַ בן בלי דעת מען איז אַליין.

תמימים בפרט, זעהן צו העלפן די רבנים אין דער התעוררות פאַרן חינוך הכשר, אָבער די חינוך אַרבעט בעדאַרף ניט שטערן אדרבא דאָס דאַרף שטאַרקן די חסידות פיהרונג אין לעבנס שטייגער פון תלמידי תומכי תמימים.

ז. באַ מיר איז פאַרשריבן אַ פלאַם פייערדיגער וואָרט וואָס איך האָב גע־הערט פון מורי החסיד רשב"ץ נ"ע[22] און החסידים ר' אבא ור' חנוך הענדיל נ"ע[23] וואָס זיי האָבן געהערט פון די חסידים וועלכע האָבן אַליין געהערט דעם וואָרט פון רבי'ן צמח צדק שמחת תורה תקצ"ט.

שמחת תורה תקצ"ט, האָט דער רבי צמח צדק גערעט וועגן די דרכי העבודה וואָס דער אַלטער רבי האָט מדריך גע־ווען חסידים, און וועגן די דרכי העבודה וואָס דער מיטעלער רבי האָט מדריך געוועזן חסידים, און נאָך אַ שטאַרקן פאַרברייינגען האָט זיך דער רבי צמח צדק אויפגעשטעלט און געזאָגט:

איך וועל חסידים איבערגעבן דעם וואָרט וואָס איך האָב געהערט פון זיידן שמחת תורה תקנ"ט:

מען בעדאַרף ניט זיין גענאַרט און וויסן וואו מען האַלט אין עבודת השי"ת[24], דער וואָס ווייס ניט וואו ער האַלט און מיינט אַז ער איז אַ ירא שמים איז אַ שוטה, אַ קונץ אַ נאַר אָפּצונאַרן[25].

דער זיידע האָט געהאַט אַ תפלה מיוחדת[26] אַז חסידים זאָלן זיין קלוגע[27] און מצליח זיין אין עבודת התפלה, ניט זיין גענאַרט אין דעם אייגענעם מצב הרוחני[28], דער וואָס וועט ניט טאָן אין עבודת התפלה זאָל קיין חסידות ניט פאַרשטיין, און דער וואָס וועט טאָן אין עבודת התפלה זאָל מצליח זיין, דער זיידע מיט זיין מסירות נפש האָט גע־פועלט אַז נאָר בעלי עבודה זיינען מצליח[29].

אָט די — האָט דער רבי צמח צדק ווייטער געזאָגט — וועלכע זיינען זיך משתדל אין עבודת התפלה, האָבן דעם זיידנס ברכה אַז זיי זאָלן מצליח זיין אין תורה ועבודה, און די וואָס טוען ניט אין עבודה שבלב, דאַרפן שטאַרק מורא האָבן פאַר דעם זיידנס האַרבן ריחוק וואָרט, און חסידים טאָרן ניט הערן די חסידות וואָס ער רעט[30].

דער זיידע — זאָגט ווייטער דער רבי צמח צדק — האָט זיין זכות פון מסירות נפש אויף דרכי החסידים אַוועק געגע־בען חסידים, אַז יעדער וואָס איז זיך עוסק אין דרכי החסידות וואָס לפי ערכו, און דער עיקר אין עבודת התפלה.

ח. די הצלחה פון אַ בעל מלאכה איז ווען ער לערנט זיך גוט אויס די מלאכה. וואָס אויף גוט אויסלערנען זיך די מלאכה מוז מען זייער אַ סך האָרעווען און זיין איבערגעגעבן צו דעם וואָס

---

22) ראה אודותיו — לעיל ע' 25. וש"נ.

23) ראה אודותם — לעיל ע' 5. וש"נ.

24) ראה גם לעיל ע' 24. ע' 27.

25) ראה בשם אדמו"ר האמצעי: אגרות־קודש ח"ד ע' קלה. ספר השיחות תרפ"ה ע' 79. תש"א ע' 100.

בשם אדמו"ר מהר"ש: אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר ח"י ס"ע כט ואילך. ס"ע צא. שיחת ליל ב' דחה"ש תשי"א (תו"מ ח"ב ע' 130). י"ט כסלו תשי"ב (תו"מ ח"א ע' 185). ובכ"מ.

26) בהנחה בלתי מוגה: און עס האָט געפועלט! (אמר בקול חזק).

27) ראה גם ספר השיחות תרצ"ז ע' 182. תרח"ץ ע' 288. קייץ ה'ש"ת ע' 48. תש"ד ע' 130. ע' 154. תש"ה ע' 7. שיחת י"ט כסלו שנה זו ס"ג.

28) ראה גם ספר השיחות תרצ"א ע' 176.

29) ראה לעיל ע' 19. וש"נ.

30) ראה גם שיחת י"ט כסלו שנה זו (ספר השיחות תש"ו ס"ע 17 ואילך).

לערנט אים און אויספּאָלגען פּינקטליך אַלעס וואָס געהערט צו דער אַרבעט.

חסידים בעדאַרפן וויסן אַז דער עיקר החסידות איז עבודה, און דעם כח אויף דעם האָט דער אַלטער רבי און הרביים הבאים אחריו געגעבן חסידים אין עבודת התפלה, און דער כח פון עבודת התפלה וועט בעלייכטן אויך די גשמיות'דיקע אַמעריקא[31].

די וואָס לערנען חסידות, און ווילן האָבן בעזה"י אַ תועלת אין עבודה בפועל ממש, בעדאַרפן זיין איבערגעגעבן צו די דרכי החסידות, וועט זיי השי"ת מצליח זיין אין עבודת החסידות.

ט. באַ חסידים איז אַ ניגון ניט נאָר אַ מגלה דעם מהלך הנפש פון דעם זינגער, נאָר איז אויך מעורר דעם זינגער אויף דער עבודה וואָס ער האַלט אָדער אויף דער עבודה וואָס ער בעדאַרף האַלטן.

דער ערשטער אָוונט פון שמחת בית השואבה תרנ"ד[32] איז געווען ביום ד'. צום פאַרברייינגען זיינען געווען עלטערע חסידים, ר' אבא טשאַשניקער[23], ר' הענ־דיל[23], מורי הרשב"ץ[22] און די מלמדים ר' אהרן ור' יקותיאל פון דאָקשיץ[33], ר' מיכאל[34] און ר' שלמה[35] פון נעוויל, און אַנדערע.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט גערעדט אין דער מעלה פון דרכי החסידים וואָס פאַרנעמען זיך מיט עבודת התפלה, וואָס עבודת התפלה איז אַ יסוד מוסד אין חסידישן לעבן.

קול מעורר הכוונה[36], דעם אַלטן רבי'נס חסידים, דעם מיטעלן רבי'נס און זיידנס חסידים האָבן אויף יעדער ענין פון עבודת החסידות והחסידים געהאַט אַ ניגון מיוחד, אַ התעוררות ניגון פאַר חסידות און נאָך חסידות הערן, פאַר יחידות און נאָך יחידות[37].

עלטערע חסידים האָבן מחנך געווען די יונגע לייט[38], יונגע לייט האָבן גע־

31) בהנחה בלתי מוגה: אַ בעל מלאכה דאַרף וויסן דעם כח וואָס ער האָט.

מען דאַרף וויסן אַז דעם כח וואָס דער אַלטער רבי האָט איבערגעגעבן חסידים איז דאָ אין דעם פינצטערען אַמעריקא אויך.

32) אודות שמחת בית השואבה תרנ"ד – ראה גם ספר השיחות תרצ"ד ע' 399. תרח"ץ ע' 269 ואילך. תש"ד ע' 18. תש"ה ע' 36. ע' 39. ה'שי"ת ע' 353. ובשיחת ליל שמח"ת שנה זו ס"ט: סוכות תרנ"ד.

33) נזכרו כו"כ פעמים ביחד – ראה גם ספר השיחות תרצ"ד ס"ע 306 ואילך. ע' 355. תרצ"ז ס"ע 197 ואילך. קייץ ה'ש"ת ע' 29. תש"ז ע' 113. תש"ח ע' 247. ה'שי"ת ס"ע 351. ע' 374.

אודות ר' אהרן קוגל מדוקשיץ – ראה רשימת היומן של רבינו כג תשרי תרס"ג (סה"מ תרפ"ב ע' תעה ואילך). ספר השיחות תרצ"ט ע' 335. תש"ח ע' 167. נפטר בחודש כסלו שנת תרס"ג.

אודות ר' יקותיאל דייטש מדוקשיץ – ראה ספר השיחות תרצ"ו ע' 14. תרצ"ט ס"ע 326 ואילך.

34) הרה"ח ר' מיכאל בלינער. מההולכים רגלי להצ"צ. נתחנך אצל הרה"ח ר' פרץ חן. איזה זמן התפרנס ממלאכת עשיית תנורים ובעת מלאכתו הי' מדבר בתורת הדא"ח. בזקנותו הי' משפיע בישיבת תו"ת. הצטיין באהבת ישראל, מבעלי העבודה. נפטר במוצש"ק כ"ח מר־חשון תער"ב. ראה תורת שלום – ספר השיחות ע' 40־39 בהערה. ספר השיחות תרפ"ו ע' 101. תרפ"ט ע' 31. תרצ"ג ע' 173. תרצ"ד ע' 418. תרצ"ז ע' 236. תש"ז ס"ע 116. תש"ח ס"ע 234 ואילך. מכתב רבינו מיום ט"ו מרחשון תרצ"ו.

35) ר' שלמה ביילין, הנקרא שלמה דער געלער. ראה אודותיו – אגרות־קודש ח"ד ע' רצ. ח"ו ס"ע רסט ואילך. ספר השיחות תרפ"ה ע' 85. תש"א ע' 30. תש"ב ס"ע 148. שיחת ליל שמע"צ שנה זו ס"ד. ניגון שלו – ספר הניגונים ח"א ניגון קד.

36) ראה לעיל ע' 19. וש"נ.

37) ראה גם רשימת רבינו „דברי ימי חיי אדמו"ר הזקן" (קה"ת, תשע"א) ע' מב. ספר השיחות תש"ג ריש ע' 122. תש"ז ע' 110.

38) ראה ספר השיחות תרצ"ד ע' 355. תרצ"ז ע' 194. תש"ט ע' 295 ואילך.

וואוסט אַז מען קען ניט פאַרשטיין קיין חסידות אויב עס איז פריער ניט פאַראַן קיין מדות חסידות. לערנען חסידות אָן דער הקדמה פון עבודת התפלה איז ווי איינער פילט אָן אַ קישקע מיט מעל און שמאַלץ איידער מען האָט אָפּגערייניגט די קישקע פון אירע פסולת[39]. עלטערע חסידים האָבן מדריך געווען די יונגע לייט ווי צו גיין אויף יחידות, און פלעגן מבאר זיין דעם רבי׳נס ענטפער, און מיט דעם האָבן זיי געשטעלט די יונגע לייט בקרן אורה פון עבודה אין ידיעת החסידות.

ווען אַ יונגערמאַן איז אַריין אויף יחידות, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגע־געבן אין עבודה, האָט מען מעורר גע־ווען די מקיפים פון נשמה[40].

אין דעם ניגון וואָס חסידים האָבן געזונגען פאַר יחידות, האָט זיך געהערט מיט וואָס פאַר אַ געמיט און האָפּענונג מען גייט אויף יחידות, און אין דעם נאָך יחידות ניגון האָט זיך געהערט דער שמחת הנפש וואָס דער חסיד האָט פון די הוראות פון יחידות וואָס וועלן אים ברייגען אַ פעולה אין עבודה.

אַזוי איז געווען די חסידישע הדרכה פון די חסידישע יונגע לייט, זיי האָבן געוואוסט אַז דער עיקר החסידות איז מדות חסידות, און אַז מדות חסידות בעדאַרף מען לערנען פון עלטערע חסידים[38], און די עלטערע חסידים האָבן מדריך געווען די יונגע לייט בדרכי החסידות דורך עבודת התפלה.

באַ יענעם פאַרברייינגען, האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק מבאר געווען ווי חסידות מאָנט נאָר עבודה, און דער וואָס לערנט חסידות און איז זיך ניט עוסק אין עבודת התפלה, איז דאָס אַ בית אפל, און בע־דאַרף שטאַרק מורא האָבן ער זאָל ח״ו ניט חאַפּן אַ דחי׳[41].

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גערעט מיט אַ גרויסער התרגשות. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק רעט, נאָר איך האָב געזעהען אַז אַלע זיינען אויפגערעגט און אַנדערע וויינען.

איך בין געשטאַנען אויף אַ באַנק, לעבן מיר אין ווינקל זיינען געשטאַנען צוויי אורחים,ביידע אַן ערך אין די פופציגער יאָרן[42] און האָבן שטיל גערעט צווישן זיך, אַה, אָה, ווען מיר וואָלטן געהערט אַזעלכע התעוררות ווערטער אין דער יוגנט וואָלטן מיר געווען גאָר אַנדערע[43].

אויף ווערן — זאָגט איינער — ווי מען בעדאַרף צו זיין איז קיינמאָל ניט שפּעט.

בתוך כך האָב איך דערהערט ווי הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק זאָגט:

ניט קוקט וואָס איך בין אַ יונגער מאַן, איך בין דעם טאַטנס אַ מודרך, דער טאַטע איז אַ עצמי[44], חסידים ווייסן וואָס אַ עצמי איז, און וואָס דער אופן הדרכה פון אַ עצמי איז.

39) ראה גם ספר השיחות תש״ג ע׳ 174. תש״ה ע׳ 106. תש״ז ע׳ 146. שיחת אחש״פ תש״ז סכ״א.

40) בהנחה בלתי מוגה: אַז מען איז אַריינגעגאַנגען אויף יחידות האָט מען זיך איבערגעגעבן אין גאַנצן, ביז די מקיפים פון נשמה, האָט מען דאַמאָלסט טאַקע גענומען.

41) ראה לעיל ע׳ 31.

42) בהנחה בלתי מוגה: האָט ביי זיי געדונגען טרערין פון די אויגען.

43) בהנחה בלתי מוגה: וסיים כ״ק אדמו״ר שליט״א, ווי מיר האָבן דאָך יע געהערט, דאַרף מען דאָך זיין אַנדערש.

44) ראה תורת שלום — ספר השיחות ע׳ 188 ואילך.

דער[45] ציור פון יענעם טאַנץ שטייט מיר פאַר די אויגן נאָך היינט. וואָס מען זעט איז שווער איבער צוגעבן, איך בעט באַ השי״ת אַז איך זאָל דעם ציור פון יענעם טאַנץ קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

די אינגערע חסידישע יונגע לייט און בחורים האָבן נעבעך ניט געזעהען[46], אָבער מיר עלטערע, וועלכע האָבן זוכה געווען צו זעהען הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, און געהערט פון אים חסידות בכלל און אַ חסידישן פאַרברייינגען בפרט, דאַרפן און האָבן בכח צו זיין ווי חסידות פאַרלאַנגט אַז חסידים זאָלן זיין.

השי״ת זאָל אונז אַלעמען בעגליקן מיט דער שליחות וואָס מען האָט אונז געשיקט און געבראַכט אין אַמעריקא, אַז ליהודים תהי׳ אורה ושמחה[47] בגשמיות וברוחניות, און מיר זאָלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו בקרוב ממש[48].

---

45) בהנחה בלתי מוגה: מען האָט דאַמאָלס (תרנ״ד) זעהר שטאַרק פאַבראַכט, און דער טאַטע איז געגאַנגען אַ ריקוד מיט אַלעמען און האָט געזאָגט: ניט קוקט אויף מיר וואָס איך בין אַ יונגערמאַן.

אין דעם טאַנץ האָט מען געזעהן הפשטה מגשמיות ממש, בלויז אַ נשמה [ההמשך בפנים].

46) ראה גם ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 353.

47) ע״פ אסתר ח, טז.

48) בהנחה בלתי מוגה: כואב לי הדבר, מה שראו עיני אז ומה שעיני צריכים לראות היום, „טעֶרפּי קאָזאַק״.

אמר לרש״ל*: מען זאָל פאַברייינגען אין סוכה, אַ פנימיות׳דיגען פאַברייינגען.

---

*) ר׳ שמואל לעוויטין. ראה אודותיו — לעיל ע׳ 100.

לזכות

הרה"ח הרה"ת ר' **שמואל חיים דוד** בן **חי' שרה**

בקשר עם יום הולדתו — א' דחג הסוכות

זוגתו מרת **גיטל** בת **לויבא מיכלא**

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

ולהצלחה רבה ומופלגה בכל אשר יפנו

בטוב הנראה והנגלה בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

ונזכה לגאולה האמיתית והשלימה

"ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו"

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש